ב. ביאַלאָסטאָצקי

## נאָך דער לוויה

אַז יצחק אייזיק איז געשטאָרבן —
האָבן מיר אים פאַרברענט;
און סירקינען האָבן מיר געטראָגן אויף די הענט,
צען אבלים שטאַרק;
אויף דעם ליים פון זיין קבר געטראָטן,
מיט געבויגענעם קאָפּ און געבויגענעם קאַרק,
באַגראָבן, באַשאָטן —
אַראָפּ פון מאַרק.
דערנאָך זיינען מיר זיך צונויפגעקומען
אין „ליטעראַרישן קאַפעי".
— עי, — וועיטער!
לויה־באַגלייטער
האָבן געטרונקען טיי,
און געפּלאַפּלט נאַכלעסיק און גערעדט,
ווער סע שטאַרבט פרי,
און ווער סע שטאַרבט שפּעט . . .
דערביי האָט איינער אומעטיק געקוקט
אין די אויגן פון דעם צווייטן;
— נו? מען דאַרף זיך נעמען גרייטן!
— ווער וועט וועמען באַגלייטן?
— באַלד וועט שוין אָנקומען אויך אונדזער ריי.

און נאָך אַ ווייטיק האָט טונקלדיק אין האַרץ גענומען גיין:
אַז ס'איז אונדז — יונגערע און גרינגערע,
אומעטיק אזוי — א שרעק!
צו בלייבן מיטן ביסל יידישקייט אליין
אויף איסט־בראָדוויי,
אָן זיי,
וואָס זיינען אַוועק —
גלויביקע, העל־אויגיקע.

— עי, — וועיטער, — טיי!
לויה־באַגלייטער,
פון אונדזער „ליטעראַרישן קאַפעי".

---

### יידיש ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטאָגס

**אין בערנער סטר. 33, בערנאַרד באַראָן סעטלמענט א.1. — 3 אזייגער**
שבת, דעם 26'סטן יאַנואַר אליהו פּאַלושאַק פּאָרטראַג איבער לייוויקס ווערק.
שבת, 2'טן פעברואַר — רייזע איינדריקן פון ישראל און זינגען ישראל ליד מאַדאַם נאַדלער.
שבת, דעם 9'טן — שבת שירה און חמשה־עשר־פּראָגראַם — יעקב ריכטיגער.

---

239

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור

נומער 2־3 (העפט 376־7) פיר און צוואַנציק. יאָר פעב.־מער. 1963 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

א י נ ה אַ ל ט:

פורים פאַ־אמת, גראַמען אין גרים, אַ־קוצק־פּובליציסטיק ............ *** 1
די רעפּעטיציע פון א פורים שפּיל (עסיי) ............ י. ריכטיגער 8
יאסל־אסיפ וואַלדמאַן (א קאַפּיטל פון א ראָמאַן) ............ אליהו פאלושאק 17
די תפילות פון מרדכי הצדיק און אסתר המלכה ............ פון תרגום־השבעים 19
פאַר לאהלן צום 16'טן געבורטסטאָג (ליד) ............ עלע זילבערג 20
איינזאַמקייט (ליד) ............ שמואל וההייט 20
א בלאַט, טויט, הונדערט (ליד) ............ יוסף לעפּטוויטש 21
פּאַרוואָס איז ער דער גרעסטער פון אונזער דור (עסיי איבער ה. לייוויק) ש.
אונזער קאַמף פאַר יידישער קולטור (לכבוד דער צוואַנציק־יעריקער טעטיקייט פון „פריינט פון יידיש לשון") ............ אייזיק גאָלדבערג 25
גזע און ירושה (פּראָזע) די באַלאַדע פונם ש"ך מיט מגן־אברהם, „ווער ס'קומט צו מיר דער קומט צו מיר", וגם חרבונא זכור לטוב (שלח־מנות, יעווטושענקא'ן) ............ א. נ. שטענצל 28
המנס מפּלה (הומאָרעסקע) ............ משה בעקערמאַן 40
יידיש ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס ............ 44

## פּרייז 2 שילינג

אַבאָנאַמענט־פּרייז:—26 שילינג פאַר אַ יאָר
אין אויסלאַנד:—8 דאָלאַר אַ יאָר
אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע:—
"LOSHN UN LEBN," 17 Delamare Buildings,
Collingwood Street, London, E.1. England

*Published and Edited by* A. N. Stencl, *17 Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press,* 129-131 *Cavell Sreet, London, E.1*

## גרימיקע גראמען אין גרים

(אַ ליד פאר די פורים־שפּילער)

וואס איז א פאַרשטעלטער ?
אלץ טוט פאר געלד ער,
האַלט א גאַנצע דרשה,
אַליין אַ גרויסער רשע.

און וואס איז א מאַסקע ?
בעטנדיק א לאַסקע ?
טוט מען אָן ס׳נעבעך־פּנים :
„א, יידן בני רחמנים . . .״

צי, רחמנא לצלן,
די פּושקע שוין : גלין־גלאָן,
דער טויט אָן שום קאַטאָוועס :
„צדקה תציל ממות״ . . .

יאָ, באמת, כ׳לעבן,
דאָס גאַנצענע לעבן,
מ׳קאן זיין א פּורים־שפּילער,
אַ צעלייגער, א פּילער,

בא יובלען, באַקלאָגן,
שטראַם גראַם און גאָרנישט זאָגן,
נישט פּורים, צומאָל שכור —
ס׳פּורים־געלד איז דער עיקור !

גרויס רעקלאַמירט קראָמען,
אַ פּאָעט — אַ נאָמען ?
וואָסער חילוק ? צום לאכן — — —
אין אלצדינג מען קאָן מאַכן.

צו די ערשטע אויבן,
פּאָדים אָנצוהויבן,
אָבער פּאָעזיע ? מילא,
פּיסק און פּורים־פּאַטשיילע :

ס׳וואַקסט אונטער א דיכטער,
און איר אַזוי ניכטער ?

צום ענטשפּויזן שאַלמויזן,
אַ פּאָר גאַנצענע הויזן,

ר׳מאַכט אין אַלץ ! אפילו —
אין ליד שטילסטע תפילה — —
הייליק־שמייליק ? אַ ביילִיק !
דער בויך איז פול, ס׳האַרץ — ליידיק.

דער עיקור די קושקע !
יא פּושקע, נישט פּושקע,
אהער אלץ וואס איז צייליק,
„האַרי־אָפּ״ ! געזאַנגווייליק.
חי געלעבט, פאַרשטאַנען ?

נ׳חד־גדיא געגאַנגען
וואגן ווער וועט א שרייבל
אין לאַנד פון „האָלי״־„לייבל״ . . .

איז א קאָפּ גענומען,
כאַפּ־לאַפּ און געשווומען,
איז אלע זיבן חנען — —
ווּעמען כ׳מיין ? ווייטער ליינען :

ווער ס׳וועט זיך דערקענען,
אין גרים־צאָרן ברענען,
דער איז עס דער פּאָקראַקע — —
אָט־אָט כ׳דערקען מיך טאַקע :

צעשפּיגלט אין ראַמען
כ׳שטיי אין שטראַמל גראַמען,
אייך אַלעמען, אָן שרעקן,
די צונג אַרויסצושטרעקן :

אַז אַ גאַנץ יאר גראַמען,
היינט מיך א קאָפּ צאמען,
מיר אליין אָן שום מאַסקע,
אין פּראַץ אריין די פּראַסקע.

---

יידישער וועלט־קאַנגרעס (קולטור סעקציע)
און יידישער זשורנאַליסטן פאריין — ייווא
א גלעזל טיי
מיט די שרייבערין, איצט צו גאַסט אין לאָנדאָן
**פרוי געניא סילקעס**
זונטיק, דעם 17־טן מערץ, 1963, פונקט 3 א זייגער אין
CORA HOTEL, Upper Woburn Place, London, W.C.1
פאָרזיצער: י ו ס ף   פ ר ע נ ק ל

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאַל פאר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור

נומער 3־2 (העפט 7־376)   פיר און צוואַנציק. יאָר   פעב.־מער. 1963 לאָנדאָן

## אדעלעיאדע באלאדע

פאַרוואָס מיט אסתרן א גאַנצע חתונה
און א יהודית ביי אונז קיין גרויס באַדייט ?
— די האָט א קעניג דעם קאָפּ א ראפּגעשניטן,
יענע אבער בלויז טיפּושדיק אים פאַרדרייט.

דאָס־א מיינט א יום־טוב, א פורים־נצחון,
אָן א טראָפּן בלוט און געווינען א זיג ;
אַ מלחמה העלד אנשטאָט אויפן קריגס־וואָגן,
א קינד איינלוליען אים געזעצט ביי דער וויג.

פאַרוואָס מיט אסתרן א גאַנצע חתונה
און א יהודית ביי אונז קיין גרויסער ווערט
ווייל אפילו ביים „על הרבך״ שטייט „תחייה״
הרגענען, צומאָל א שונא, מיט זיין שווערט —

אָן אַקער־אייזן, א קאָסע פון איר מאַכן,
אַ תשעה־באב־שווערדל א מלופן־קינד — — —
דערפאַר מעגן אלע יום־טובים אויפהערן
אבער די פורים־שמחה קיינמאל פארשווינדט.

וואָרים צי וועט דען דער נס אמאל אויפהערן,
אַ פרוי דעם מאַן דעם קאָפּ פאַרדרייען פאַרשטייט ?
איז טאַקע דערפאַר פורים, ששון ושמחה,
„עד דלא ידע״, ביז דער קאָפּ זיך פאַרדרייט.

## צוויי פורים-פא-אמת

1

בנאמנות ס׳ווילט זיך שיקן שלח־מנות,
יעדן חבר עקסטערע און באַזונדער,
עס שטייט דאָך בפירוש „איש לרעיהו״.
קיין עין־הרע, וואונדער איבער וואונדער,

אזויפיל חברים איבער גאַנצע וועלט,
פון א שפּראַך וואס האַלט חלילה ביים שטאַרבן ?
גלויבט נישט חברים, ממזרים זיינען עס,
ביים לעבעדיקן לייב זיי ווילן אַרבן.

לחיים חברים, אומעטום ווו איר זייט,
העכער און העכער געהויבן די כוס׳עס,
און האָט ווער קיין משקה, געפילט מיט טרערן,
פאַר אונז׳רע הייליקע יידישע אות׳עס.

אז וואָס גרויס דער אונטערשיד מיט אַ מעסער,
צי מיט פגומה־לאזן כשרן חלף?
ס׳פאַרדרייט דאָס קעפל, געשחטן, צי געקוילעט,
כאָרכלדיק ס׳גייט אויס לעבעדיקער אלף.

געפילטן המן־טאַש איבערצובייסן,
ס׳האַרץ אַרויסגעריסן אויך צוצושיקן,
וואָלט עס נישט געווען ווי גאל אזוי ביטער,
לתקן עולם מיט אמתן תיקון —

וואָרים בנאמנות, וואס איז דער אמת,
און ווער פון אונז וועט דער גערעכטער בלייבן?
אז מסקן זיין די וועלט טוט דער שכין,
און נישט מיר מיט אונזער פאָעזיע־שרייבן.

2

אזויפיל ברודער־קברים, אזויפיל תליות,
און אונטער קופעס אש טליעט טויט דער פונק!
און טאקע באמת, אז אויב ברוך־המן,
פארוואס נישט אן עד דלא ידע־היטלער־טרונק?

ווי ס׳לעבן זיך די פליטים איצט, א מחיה,
האט ער ווייניק נוצן פאר ישראל געברענגט?!
איי, אין שטעט און שטעטלעך לעבעדיק באַגראָבן,
משפחה־ווייז גאַנצע גאַסן אויפגעהענגט?

ווייס איך וואָס? פחדנים און דאַרמאָיאַדניקעס,
שמוציקע גלות יידן — ס׳שטויב פון דער ערד!
צי האָבן נישט צוויי מיליאָן יידן אין ישראל,
ווי צען מאָל אזויפיל אין דיאַספּאָרע — די ווערט?

דער חשבון שטימט נישט? עס קומט נאך צוצוצאָלן?
טאָ וואַרטשע א ווײלע, ס׳האַלט נאך נישט ביים סוף!
ברוך השם כן ירבו, דאָ ווו צו נעמען,
ווער ברויך מעבר לים, דעם גלות־בלאף.

ס׳איז גאָר נישט צו גלויבן, אָבער ס׳האַלט שוין אזוי,
להשמיד, אדער שמד וואס שוין דער אונטערשיד — —
יאָ, אויב נישט אויף תליות מיט די צינגען דרויסן,
ס׳לשון פונם מויל געשניטן — גלות־ייד!



לעקט דעם היברו־שטויב פון יעדן שליח־שטיוול,
תרבות יידעלעך, ציטערט, פון דאָרט איין ווונק —
— — — — — — — — — — — — — — — — —
אליין כאָטש אויפגעביסן זיך דעם שלאָג־אָדער,
און ביז צום דנא דעם עד דלא ידע־טרונק.

## א פורים - רב דרשה

א טאג נישט על־חטא צו שלאָגן,
נישט תפילות־זכאי צו זאָגן —
דעם גאַנצן אָפענעם אמת!
כ׳עפן מיין האַרץ, נעם עס,
זע ווי עס שוימט און זידט,
גאָט אז געגעבן אַזאַ טאָג דעם ייד.
טאָ דערגיסט צום איבערגיין דעם בעכער,
קלינגען זאָל ס׳קול קלאָרער העכער.

בני ישראל, מיינע יידישע קינדער,
כ׳שטיי פאַר אייך אין זיידענעם צילינדער,
אין דער אטלעסענער קאַפּאָטע —
בלאָטע,
כ׳בין א סטראַשידלע,
ווען כ׳האָב אין האַנט די מיסט־ווידלע,
און כ׳בין א גוי,
כ׳וואָלט געגעבן דעם גאַנצן גנוי — — —

מיין באָרד — אן אָפגעבליאַקעווטע וויוויסקע!
יענער דאָרט, איבערן בויך די דיוויסקע,
ער איז דער גאַנצער קנאקער,
איך — זיין קרדום־לכפור האַלץ־האַקער;
מיט זיין קאַסע,
איז ער אלץ מכסה,
ער איז דער קייסער, דער אָזשאָל,
איך מיט באָרד — זיין קאָזשאָל.

מיט מיין באָרד,
אַלץ וואָס אין דער קאָרט,
פאַרדעק איך,
אַלץ וואָס אין דער תורה פאַרמעק איך —
איין דריי מיט מיין חנופה שמעק־נעזל!
איר מיינט כ׳האָב גענומען אַן איבעריק גלעזל?
ס׳הייבט זיך נישט אן עט,
די ביטערקייט אין האַרץ האָט זיך צערעדט.

לחיים בני ישראל, יידישע קינדער,
אויף כפרות כ׳ברויך אייך שוין אַצינדער!
כשר? טריפה? ראַקעס? פרעסט צום צעפּלאַצן!
אַ יידישע קושקע ווער קאָן אפּשאַצן?
כ׳לאַך פון אייער היטעלע,
כ׳לעב פון אַן אנדער שחיטהלע,
נישט פון דקות נישט פון גסות, נישט פון עופות —
איר זענט תופס?

א נס, א מופת,
אַז מ׳האָט אונז געמיטשעט, געשאָכטן ווי די עופות,
מיט אייזערנע ריטער געמליטשעט, געברענט ווי שטרוי,
קאָן א בר־מצווה־בוי
מאַכן א מוציא איבער דער תורה,
אויסזינגען אַ „הויגויחטא״־הפטורה,
אין ווייבער שול צו מאַכט דעם ריכטיקן רושם;
דעם שכר־לימוד פאַר דעם צאָלן די קדושים.

אל מלא — — — — — — — —״
נישט פון די משקה כ׳בין מלא,
נישט פונם שהכול,
כ׳וואַקל;
כ׳בין מלא צער,
אין מיינע אויגן כ׳בין מטהר —
עופהלעך געקוילעטע, פאַרקוילט, פאַרברענט — —
כאַפּאַל, דערלאַנגט מיר די הענט.

## א פורים ראביי

פאַרוואָס א פורים רב, נישט קיין פורים־ראַביי?
ווייל אַ פורים־שפּילער ער איז דאָך א גאַנץ יאָר,
אַ מאַסקע אַנגעמאָלט, צו געקלעבט א בערדל,
אַ גאָלע בראָדע צוגעשנויצט מיט אַ פּאָר האָר.

און איז זי נישט א ווייבערישע ספּודניצע,
זיין טענדע ווערענד־קלייד אין וועלכן ער גייט,
און זיין תורה אין, אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָר,
פורים סעודהדיק מבושימדיק און צעדרייט?

יאָ, א פורים ראַבייצין מ׳קאָן פון אים מאַכן
און זיין דאָקטאָר־דעסערטאַציע — זיין פריידיק דריש:
בפירוש דער דרייעק־באַוויז ביי שפּינאָזע,
די טיף־דערפילטע מיסטיק פונם המן־קניש.



## „עד - דלא״ - יודע - מאסקע

מאַרטין בובערן צום יובל

דער שטערן הויך צעגאַרבט, א טיף צעשורהטער,
וויקלט זיך „עטרת זהבדיק״ פלאַך אַראָפּ . . .
תמיד אַן „עד דלא ידע״ ווייַ־חכמהלע
בלייבט הענגען אין וואָנס א בטעמט ביטערער טראָפּ.

דאָס הדרת פנים בערדל — תנכ״יש־מאָנאַכיש
אַ פעפערל, צעוויירוויכערט, גייט אויף חולם־נאָז —
אוי, אין ברעם־זשמור צוויי עסנדיקע אייגעלעך,
פון א נסתר א האָז, וואָס באַהאַלט זיך אין גראָז.

קאַבאַלאַ־קלאַסיציסטיש, מאַנע־קאַציסטיש —
שוין איינמאָל א מאַסקעלע איינציק אין דער וועלט:
א וויזיע־וויזאַזש, מאָזאַאיש־מאָזאַאיקיש,
קוב און דרייעק קאָסמיש־קאָמיש צונויפגעשטעלט.

וואָרים אָן פינטעלע־ייד ס׳פאַלט אַלצדינג צוזאַם,
טויטן מאַסקע אויף צוויי ליניעס ס׳ווערט דער קרייץ,
וויפיל דאָס דבקות־ראָד געדרייט — א דערוויש־טאַנץ!
בויך־טענץ אַרום עץ־הדעת: „בוראי פרי העץ״ . . .

### „גלוי לכל העמים״ (מגילת־אסתר ג, יד)

„וואס ביים ניכטערן אויף דער לונג, דאָס ביים שכורן אויף דער צונג״
פורים־פעליעטאָן „אַז אָך און אַז ווייַ צו אַזאַ געלעכטער״

„להשמיד ולהרוג ולאבד את כל היהודים מנער ועד זקן אנשים ונשים וטף״ — דאָס איז דאָס פראָגראַם! ווילט איר נישט, קאָנט איר נישט זיין קיין מלוכה, — אַן עם לבדד ישכון״, — מוזט איר פאַרטיליקט ווערן ביז צום לעצטן. אזוי איז עס פונם ערשטן טאָג אָן נאָכן ערשטן חורבן, ביז לעצטן טאָג פון אונזער לעצטן חורבן, פון המן בן אמדתו עגגי צורר היהודים, ביז עמלק־היטלער ימח שמו וזכרו.

א שטיקל הפסקה, א פּאָר פאוזע־יאָרן זיינען אַריבער און מיר, דער צעטומלטער קרבן און זיי, די רוצחים, די פאַרשכורטע פונם בלוט, האָבן זיך א ביסעלע באַרואיקט פון ערשטן טשאַד, פון דער יללה־בהלה, פון דער צעהוליעטער קללה, אבער דאס פראָגראַם — דער „פשתגן הכתב״! — מוז אויסגעפירט ווערן.

אמת אפילו זיי, די גוים, די קולטור־פעלקער, פילן, אַז זיי האָבן א ביסעלע איבערגעכאַפּט. (טאַקע נאר א ביסעלע . . .) זיי, ווי קריסטן, ווי פאַרגלויבטע אין רעליגיע און אין ליבע, אין הומאַנער (ליינט ניש המנער . . .) און אין סאָציאַלער ציוויליזאַציע און וויסענשאַפט, ווי קומען זיי צו אזא ביבליש־קנאישן נקמה־אויסברוך פון „על שילשים, ועל רביעים״? . . . מ׳האט דאך זייערע איי־

גענע אייניקלעך און אור־אייניקלעך מיט־פאַרבערענט און מיט פאַרגאַזט אין אָשוויץ און אין מײידאַנעק, ווילן מען טאַקע איצט וויסן „ווער איז א ייד?" קלאָר און דייטלעך — „פשתגן הכתב"! דאָס איז געווען דער ערשטער עטאַפּ פונם אויסטשוכען זיך נאָכן טשאַד.

אמת יידן האָבן נישט איצט קיין יודן־ראַטלער קיין יודן־עלטסטע, און מיר זיינען נישט, חלילה מער קיין „עס עס־און עס א־שאַר פירער", אבער פירער פון ביידע צדדים זיינען דאָ, קלאָרע פּאָליטיקער, קלוגע דיפּלאָמאַטן, זאָל מען זיך אַרויסזאָגן, זאָל מען פסקענען גענוי און דייטלעך, בלי שום קונץ ובלי שום דריי: „ווער איז א ייד".

און אַצינד האַלטן מיר שוין, משמעות, ביים צווייטן עטאַפּ: מיט דער איינשטימונג פון אַלע פעלקער האָבן מיר דאָך באַקומען די מעגלעכקייט צו גרונדן די יידישע מדינה, און מיר גרונד־פעסטיקן זי טאַקע אויף אַן אמת, מיט אַלע אונזערע כוחות, א מדינה ככל הגוים, נישט מיט תשעה־באב־שווערדלעך — אויף ישראל־באַגנעטן, און סאָלדאַטסקע הויזן, האַלט זיך שוין אפילו דאָס קאַפּוטואַלירטע קאַפּיטאַליסטישע דויטשלאַנד, וואָס רעכנט שוין ווידער באַלד צו ווערן א „דויטשלאַנד איבער אלעס" — צווײי „בעסט־מענער" שטייען גרייט! איז עס א רעקאָרד פאַר א יינגער מדינה, וואָס איז קוים בר־מצווה געוואָרן, אז איר פּרעמיער מיטן פּרעמיער פונם גרויסן פראַנקרייך, זאָלן דאָס זיין די אונטערפירער...

אבער א מדינה קאָן זיך סוף כל סוף מיט בלויז ר׳מאיר בעל־נס־לקרן־התורה־און קרן קימת־פּושקעס נישט ווייטער בויען און אין זיכערקייט זיך באַפעסטיקן, מען מוז האָבן די בענקערס, די בערזע־לייבן און זיי זיינען — די אַסימילאַציע, די ערב־האַלבע און גאַנצע משמדים. טאָ ווילן זיי וויסן גענוי און קלאָר: וואָס איז א משומד? איז ער אויך א ייד? גייט ער אויך אריין אינם פשתגן הכתב: „להשמיד ולהרוג ולאבד את כל היהודים"? מיר זיינען אויך מוחל די טובות, מיטן „אף על פי שחטא ישראל הוא"... די יודן־ראַטלער האָבן אונז שוין גענוג געדרייט א ספּאָדעק, צוגענומען אונז די לעצטע קלינגערס און סוף כל סוף האָט מען אונז געשיקט אין אויוון אריין — ערגער ווי טאָרקוואָ־מאַדאָ! זאָגט אונז בפירוש איז דער „כל היהודים" טאַקע משמעה לרבות אפילו משומדים, אדער קאָנען מיר זיך לאָזן באַשווענצלען און פּטור אַן עסק — ווייטער זיך לאָזן פירן אין באָד אריין ווועלן מיר זיך נישט לאָזן...

ברודער יידן, איר האָט דאָך גאָט אין האַרצן: „כל אשר יש לו יתן איש ביד נפשו", מיר וועלן אייך אַלץ אוועקגעבן פאַר אייער פּאַלעסטיין, פאַר אייער איזראַעל, אבער אונז לאָזט אַרויס פונם שפּיל... זאָגט אונז עקזאַקט און גענוי: „ווער איז א ייד" און אויב מיט שמד איז מען שוין אַן אמתער גוי?

מיר ווילן זיך א צלם אויפן האַרץ אנטון, א טורבאַן אויפן קאָפּ, אַ רויטן שטערן אויף דער ברוסט, „רוסיש או עברית", אדער — א מעשה זיך אָטון!

אָט־דאָס איז דאָס גאַנצע פּורים־שפּיל: „ווער איז א ייד"? „איז א משומד אַ ייד"? עס איז אַ מעשה שהיה (הווה ויהיה...) צום צום לאַכן.

נאַטירלעך איז לייכטער און פּראַקטישער צו געפינען די וויסנשאַפטלעכע



עקזאַקטע דעפיניציע פאַר די „יודן"־פּראָבלעמען, ווי פאַרן פּראַקטיצירנדיקן יודן־פּראָגראָם, מ׳קאָן עס דאָך וועניקסטנס פינאַנסירן: מילא, איז עס אַן עסק איז „מה טוב ומה נעים", איז עס „ליהודים", אלא נישט — איז אויס מיט גאַנצן עסק! עס איז דעס וויצנשאַפט דעס יודען!!

דער „עסק לענות בו" איז אבער א זער פיינלעכער, ער איז לגמרי נישט אזוי לייכט צו ענטפערן, עס אַן אמתדיק יום־כפּורימדיק „עקדת יצחק"־שפּיל פאַר עמך־אַמאַטאָרן! עס איז די העכסטע קונסט פון אַן אייביק פאָלק — אומשטערבלעך נצחדיק! עס איז נישט קיין טרעיאַטער מיט געזאַנגען און טענצע ווו מען אַקציאָנירט בלומ׳ס וווּרשטן פאַר א „בעבי־האָם אין ירוזאַלעם" — עס איז ממש א שעקספּיר־טראַגעדיע!

שטעלט אייך פאַר אזא דאַמען־ראָלע: אַן אָפּגעגאָלטע יידענע, ווי א שעפּס, אין אַ קופּקע לויפט ארויס אויף דער בינע מיט א האַרץ־רייסנדיקע יללה, קול ברמה נשמע: „גאָטעניו" זאָל זיך כאָטש מיין גויאיש אייניקל זיך אָפּראַטעווען!!!" און פון דער צווייטער זייט רייט מרדכי הצדיק אויף א פערד (מרדכי איז תמיד א צדיק, און תמיד אויפן פערד...), ער רייט פון א קוליסן־גאָלדענעם חצר המלך, מיט אַ זאַק אש אויפן קאָפּ און שרייט: „יעמוד ליהודים... ואתה ובית אביך יאבידו"...

איז אזא פּורים־שפּיל־ווועלטל איז באמת כדאי „א לעבן צו טון אויף וואָס די וועלט שטייט", צו פאַרגעסן דאָס גאַנצע זינדיקע וועלטל, מיט אלע אירע וויצנשאַפטלעכע „עד דלא ידע"־פּראָגראַמען, אַטאָם־פּאָגראָם־פּראָבלעמען, און א באַשנאָשקעטער יידישלעך זיך צעזינגען:

„א גוטן פּורים־מלאך ווו כ׳גיי פאַל איך,
היינט איז פּורים, מאָרגן איז אויס,
גיט מיר א קרעפּל און וואַרפט מיך ארויס".

## אַן אַץ - קוצדיקע אייזערנע קלאָץ - קשיוא

דעם יידישן מוזיק־קאָנסיל קומט א גרויסן דאַנק פאַר זייער באַמיען זיך, די לעצטע יאָרן, איינצואָרדענען א חודש פאַר יידישע מוזיק — „משנכנס אדר מרבים בשימחה"!

אז שעקספּיר האָט געזען שיילאָקן ווי ער האָט אים געזען, איז שיילאָק שוין א גרויסער ייד — א גלות פּאַטריאַרך! ווי שאַרף ער זאָל נישט שאַרפן דאָס מעסער איז ער — שמעון ולוי אחים"! אבער זיין מאַנאַלאָג דאָרט „אין יענע נאַכט", איבער א פאָלק וואָס האָט נישט קיין מוזיק, איבער אונז משמעות — איבערן פאָלק פון ליטורגישע תפילות, פון חסידישן ניגון פון פאָלקס ליד...

איז אפשר פאַר דעם גאון פון דעם אייראָפּעאישן קינסטלערישן וואָרט איז ליטורגיע ווייניק און אונזער חסידישער ניגון און יידיש פאָלקס ליד איז דאָך דעמלט נאָך נישט געווען.

איז טאַקע אַ גרויס קשיא אויף דעם „מוזיק קונסיל", וואָס זיי פאַרנאַכלעסיקן אָט־א די צוויי לעצטע.

אז אויף דעם אוונט ווו ס׳זיינען אויפגעטרעטן קרוב א צענדליק געמישטע מענער און פרויען כאָרן האָט מען געזונגען מער ווי צוויי דריטל לוטורגישע תפילות, איז דאָך אנצונעמען און מיט גרויס זיכערקייט אָנצונעמען, אז אויף דעם „איוועניגג אף חזנים“ און אויף די אַנדערע חזנים־אָוונטן — „חזנים אין סאָנג“, „חזנים מענער־כאָר“, „קאָנצערט פון חזנים פערבאַנד“ „חזנים מענער כאָר“, — זיינען בעיקר געווען ליטורגישע תפליות, און מיט רעכט.

אבער אפילו אין דעם קליינעם טייל פון געמישע מענער און פרויען כאָרן ווי מ׳האָט געזינגען העברעאיש, ענגליש, איטאַליעניש, יוגאָסלאַוויש מאַקאַדאָניש האָט מען קוים אַריינגעשמוגלט עפעס א חנוכה לידל און א צעקאַלעטשעלטע סטראָפע פונם „רבי אלימלך“.

דריי עקסטרע אָוונטן זיינען געווען געווידמעט דעם העברעאיש ישראל ליד — אַלער אַכטונג! אבער קיין איין אָוונט דעם יידישן פאָלקס ליד און מאָדערנעם קונסט ליד און דעם חסידישן יידישן ניגון.

אז די א סימילאַציע שעמט זיך מיט יידיש, מיט דער שפראַך, מיט דער יידישער ליטעראַטור, מילא, מיט א צונג קאָן מען אַלץ מאַכן, מ׳קאָן מיט איר דרייען אויף אלע זיין — אפילו א כאָלעווע קאָן מען פון איר מאַכן! אבער אז מען פאַרשעמט דעם יידישן ניגון, דאָס יידישע ליד פאַרשעמט מען דאָס יידישע האַרץ — שאַרפט מען שוין דאָך דאָס מעסער אויפן אייגענעם האַרץ...

י. ריכטיגער

## יידישע פילאזאפיע און טראדיציע

### די רעפעטיציע פון א פורים שפיל

דעם פירצענטן און פופצענטן טאג אין חדש אדר פייערט מען פורים צום אנדענקן פון נצחון איבער המן הרשע מיט זיינע אנהענגער. אחוץ דעם האבן די חשמונאים געהאט איינגעפירט צו פייערן דעם דרייצנטן טאג אין חדש אדר א יום טוב, צו דערמאנען זייער נצחון איבער דעם יווגישן גענעראל ניקנור, וואס האט גערדראעט חרב צו מאכן דעם בית המקדש, און קורץ פארן בר כוכבא אויפשטאנד האבן די חכמים איינגעפירט צו פייערן א יום טוב דעם צוועלפטן טאג אין חדש אדר, אנטער דעם נאמען פון „יום־טריון“: טראיאן־טאג. (ירושלמי תענית פ״ב הי״ג) אבער דער ניקנור יום טוב איז בטל געווארן מיטן איינפירן דעם תענית אסתר, ווען די חכמי התלמוד האבן ווידער איינגעשטעלט די אלטע תעניתים נאכן דורכפאל פון בר כוכבא אויפשטאנד, און דער טראיאן טאג איז, ווי עס ווייזט ארויס צום סוף פון דער אפהאנדלונג, נאר געווען א יום טוב פאר א קורצע צייט.

אין א מדרש ווערט דערציילט — דער מלכות הרשעה — רוים האט ארויסגעגעבן א דעקרעט מען זאל אויפבויען דעם בית המקדש, האבן די ברידער פפוס און לוליאנוס אויפגעמאכט באנק־הייזער אויפן וועג צווישן אנטוכיא און עכו, כדי צו געבן די ארעמע עולים פון גלות זילבער, גאלד און אנדערע נויטיקייטן. זענען געגאנגען די כותים און האבן געזאגט צום דעמאלטיקן רוימישן



קייסער — דארפסט וויסן אז די מרידהשע שטאדט וועט אויפגעבויעט ווערן און מיט איר פעסטונג ארומגערינגעלט זיין, וועלן די יידן אויפהערן צו באצאלן דעם קאפצאל און אלע אנדערע שטייערן. האט דער קייסער זיי געפרעגט — וואס קאן איך טוען, איך האב נאך שוין ארויסגעגעבן די דערלויבעניש צו בויען? האבן זיי אים געענטפערט — באפעל אז זיי זאלן בויען דעם בית המקדש אויף אן אנדערן פלאץ, אדער זיי זאלן אים מאכן פינף איילן לענגער צי קורצער וועלן זיי זעלבסט אויפהערן צו בויען. בשעת דער באפעל איז אנגעקומען זענען גראד געווען פארזאמעלט א גרויסע צאל יידן אין טאל פון בית רמון, ווען זיי האבן געהערט די נייעס זענען זיי בייז געווארן און באשלאסן צו מאכן אן אויפשטאנד. האב די חכמים געשיקט צו זיי דעם גרויסן געלערטן אין תורה, רבי יהושע בן חנניה, איז רבי יהושע בן חנניה געקומען קיין בית רמון, און צו בארואיקן די פארזאמעלטע האט ער זיי געזאגט א משל. — א לייב האט פארצוקט א שעפעלע און א ביין איז אים געבליבן שטעק ןאין האלז, האט ער געלאזט אויסרופן אין וואלד — ווער עס וועט ארויסנעמען דעם ביין פון זיין האלז וועט גוט באלוינט ווערן. איז געקומען דער באטשאן און האט מיטן לאנגען שנאבל ארויסגעשלעפט דעם ביין לייבס האלז. אז ער איז געבליבן ווארטן פאר דער באלוינונג, האט דער לייב צו אים געזאגט — גיי און בארים דיך דאס דו ביסט געווען מיט דיין קאפ אין מויל פון א לייב און ארויסגעקומען בשלום אזוי דארפן מיר יידן זיין צופרידן, וואס מיר זענען ארויסגעקומען בשלום פון דער אומה. (בראשית רבה פס״ד־ח׳)

ווי מען זעט ווערט אין דעם מדרש ניט אנגעגעבן דער נאמען פון רוימישן מלך, וואס האט באפוילן מען זאל צוריק אויפבויען דעם בית המקדש. אָבער אָן אַ ספק איז דער מלך געווען טראיאן, וואס האט געקיניגט נאך דאמאציען און פאר אדריאנוס. מחמת די צוויי מלכים טיטוס אדער זיין ברודער און נאכפאלגער דאמאציען, האבן צוזאמען מיט זייער פאטער אספסיאנוס חרב געמאכט דעם בית המקדש, און די ברידער פפוס און לוליאנוס, וואס האבן אונטערשטיצט די ארעמע עולים פון גלות, זענען דערהרגט געווארן אין דער צייט פון טראיאן (בבלי תענית י״ח, רש״י און ירושלמי תענית פ״ב הי״ג) מען מוז הערבער אננעמען אז דעם טראיאן טאג האט מען איינגעשטעלט אויס־צודריקן דאנקבארקייט צום רוימישן מלך טראיאן, ווייל ער האט באפוילן צוריק אויפצובויען דעם בית המקדש. פארשטייט זיך דער מלכות הרשעה — רוים — האט ניט ארויסגעגעבן דעם באפעל צוריק אויפצובויען דעם בית המק־דש צוליב פארערונג פון דער יידישער רעליגיע, נאר טראיאן האט דערמיט נאכגעפאלגט די פוסטריט פון די פריערדיקע רוימישע מלכים, וואס האבן אויפ־געשטעלט די רוימישע אימפעריע מיט דער הילף פון פאליטישן טריק „צעטייל אום צו הערשן“. רוים האט בכבוד געהאלטן די יידישע טראדיציעס און אפילו מנדב געווען קרבנות צום בית המקדש, כדי די פרומע יידן זאלן זיך גוטוויליק אונטערווארפן איר העגעמאניע און שטערן די נאציאנאלע יידן אויפצושטיין קעגן איר. (גיטין נ״ו, אדר״נ פ״ד און יוסיפון־פלאוויוס „יידישע מלחמות“ בוך 6, קאפ. 2) דער רוימישער מלך אספסיאנוס האט דעריבער באוויליגט די

בקשה פון „תן לי יבנה וחכמיה": גיב מיר יבנה מיט אירע חכמים, (גיטין נ״ו) און זיינע זין, טיטוס און דאמאציען, הגם זיי זענען געווען די צעשטערער פון בית המקדש, האבן ניט ארויסגעגעבן קיין גזרות אויף דער יידישער אמונה, און טראיאן זייער נאכפאלגער איז נאך ווייטער געגאנגען מיט זיין חנופה צו די פרומע יידן, אז ער האט אפילו באפוילן צוריק אויפצובויען דעם בית המקדש.

מען דארף וויסן אז דער רוימישער מלך טראיאן איז, לויט די היסטאריקער, געווען פון בארוף א מיליטער מאן, און ער האט די גאנצע צייט פון זיין קיניגן געפירט מלחמות כדי צו דעראבערן נייע לענדער פאר דער רוימישער אימפעריע. די ערשטע מלחמה זיינע איז געווען קעגן די לענדער פון די דאנציענס, וואס זענען געלעגן אויף ביידע ברעגן פון דאניי ביז צום שווארצן ים, און ווען ער האט זיי באזיגט איז ער באפאלן מיט זיינע לעגיאנערן די פרתימשע מלוכה. (טש. מערוויל „די געשיכטע פון רוים", ז. 539) עס איז דעריבער קיין ספק ניט אז טראיאן איז אויסן געווען מיט זיין באפעל צוריק אויפצובויען דעם בית המקדש, זיך איינצושאפן א גוטן נאמען ביי די פרומע יידן, אז זיי זאלן באקעמפן יעדן פארזוך פון די נאציאנאלע יידן אויפצושטיין קעגן דער רוימישער העגעמאניע איבערן יידישן פאלק, בשעת די רוימישע ארמיי וועט זיין פארוויקעלט אין די מלחמות. משמעותדיק איז דער נמשל פון רבי יהושע בן חנניהס משל געווען — די זעלבסט פארשטענדלעכקייט און איבערצייגונג וועגן א יידישער מרידה, האט געשטיקט ווי א ביין אין האלז די רוימישע מלוכה קרייזן, און דער באפעל פון טראיאן אויפצובויען דעם בית המקדש איז געווען דער באטשאן, וואס האט ארויסגעשלעפט דעם ביין פון רוימישן האלז.

אבער ווען טראיאן האט זיך געפונען אויפן פראנט אין לאנד פון די פרתים, ווו זיינע לעגיאנערן האבן געבלוטעט פון די יידישע סאלדאטן אין דער פרתימשע ארמיי, וואס האבן געקעמפט ווי לייבן כדי זיך נוקם צו זיין פאר דעם יידישן חורבן, און האט באקומען א באריכט פון זיין ווייב, אז די יידן אין ארץ ישראל גרייטן פאר אן אויפשטאנד, האט ער געשלאסן א וואפן שטילשטאנד מיט די פרתים און איז א היים געקומען. אן אפקלאנג פון דער געשעעניש געפינט זיך אין דער ווייטער ציטירטער אגדה־טראיאנס ווייב האט געבוירן א זון אין תשעה באב האבן די יידן געפאסט און איר טאכטער איז געשטארבן אין חנוכה האבן יידן אנגעצינדן לעכטלעך. זענען געקומען מוסרים און האבן איר איינגערעדט, אז די יידן גרייטן זיך צו א מרידה. האט זי געשיקט א שליח צו איר מאן, וואס האט געפירט א מלחמה קעגן די פרתים, אז ער זאל צורו לאזן די בארבארן פון דעם ווייטן לאנד און אהיימקומען כדי צו אונטערדריקן דעם אויפשטאנד פון יידן אין זיין אייגן לאנד, איז ער געקומען און האט דערהרגט א גרויסע צאל יידן. (ירושלמי סוכה פ״ה ה״א) מען איז דעריבער בארעכטיקט אנצונעמען אז טראיאן האט דעמאלט צוריקגעצויגן זיין דערלויבעניש צו בויען דעם בית המקדש און איינגעזעצט די צוויי ברידער פפוס און לוליאנוס אין תפיסה.

וועגן דעם אומקום פון די צוויי ברידער פפוס און לוליאנוס איז אויך פאראנען א געשיכטע אין די תלמודים און מדרשים, וואס די שפעטערדיקע



חכמי התלמוד האבן איר גענומען פאר א באוויז צו דער פארפאסונג פון אן הלכה. — די חכמים האבן זיך פארזאמעלט אין דער אויבערשטוב פון בית נתזה און האבן אנגענומען, אז א גוי צווינגט א ייד עובר צו זיין אויף איינע פון די מצוות זאל ער עובר זיין און ניט אוועק געבן זיין לעבן, אחוץ פאר עבודה זרה, גילוי עריות און שפיכת דמים. אבער נאר ווען קיין אנדערע יידן זענען ניט דערביי, טאמער זענען א מנין יידן דערביי מוז ער זיך לאזן אומברענגען און ניט עובר זיין אויף קיין איינציקע מצווה פון דער תורה. א באוויז הערויף האבן זיי געבראכט די געשיכטע פון פפוס און לוליאנוס. פפוס און לוליאנוס האט מען געגעבן צו טרינקן וואסער אין א קאלערט גלאז האבן זיי ניט געוואלט טרינקן אז די ארומשטייענדיקע יידן זאלן ניט מיינען, אז זיי טרינקן יין נסך: ניט־יידישן וויין. נאכן דערהרגנען די צוויי ברידער פפוס און לוליאנוס האבן די רוימער פארדעקט דעם אמת פון זייער ציל אזוי ווי המן, המן האט ניט געזאגט אז ער וויל פארטיליקן די יידן, נאר — „ישנו עם אחד מפזר ומפרד בין העמים": א צעזייט און צעשפרייט פאלק צווישן די פעלקער, (מגלת אסתר ג׳) און די רוימער האבן דעמאלט באהויפטעט — „לא אתכוון משמדתהון אלא מגבי ארנונין": מיר זענען ניט אויסן אפצושמדן זיי, נאר צו באשטראפן זיי פאר ניט באצאלן שטייערן. (ירושלמי סנהדרין פ״ג ה״ו) דער גויעשער פורים שפיל: פון מאסקירן דעם אמת, פון פארשליירן זייער. פארדארבנקייט און ברוטאליטעט מיט א וואל פון ארנטלעכקייט און מענטשלעכקייט, מיט פרעטענדירן — „לא אתכוון משמדתהון אלא מגבי ארנונין": אז זייער כוונה איז ניט רויב און מארד. נאר זיי ווילן אויסראטן דעם שיילאקישן כאראקטער פון יידישן פאלק, איז געבליבן ביז צום היינטיקן טאג. קרושטשאוו, דער יורש פון סטאלין, האט געצווינגען דעם פאעט יעווטאשענקא צו פארענדערן דעם אינהאלט פון זיין פאעמע „באביאר", פרעטענדירנדיק אז אין סאוויעטלאנד איז ניט דא קיין אנטיסעמיטיזם, נאר יידן ווערן דארט דערשאסן פאר האנדלען מיט וואליוטע . . .

אליהו פאלושאק

## יאסל — אסיפ וואלדמאן

(פראגמענט פונם 14־טן קאפיטעל פונם עפאס „אונטער פרעמדע הימלען")

ווען גאלינסקי האט געענדיקט זיין רעציטאציע, האט ער זיך מיט פארגלייזטע אויגן א ווארף געטון אינם שטול, וואס איז געשטאנען הינטער אים. דער עולם האט מיט שטארקע אפלאדייסמענטן באדאנקט דעם אקטיאר, וועלכער האט מיט א קאלירטן טאשן־טיכל אפגעווישט דעם שווייס פון זיין הויכן שטערן. א מידע צופרידנקייט האט זיך צעשפרייט אויף זיין פנים. „נישטא וואס צו דאנקן. אייך קומט א דאנק, ווייל איר האט מיט אזא געדולד זיך צוגעהערט. צו גוטער און קלאסישער ליטעראטור מוז מען האבן געדולד. די געדולד שאפט פארשטענדעניש, שארפט און וועקט דאס געפיל. דער אויבערפלאכלעכער מענטש האט נישט קיין געדולד, נישט צו קלאסיק און נישט צו אמתער פיינער ליטעראטור. ער האט ליב דאס לייכטע, קיצלדיקע און דעם „קייטש" מיט צוויי־

דייטיקע וויצן. אנטשולדיקט . . . איר ווילט נישט, איך זאל אייך האלטן א לעקציע". א לייכטער שמייכל האט זיך צעשפילט אויף זיינע דינע ליפן. זיין פרוי, די דיקע יידענע, וואס איז געזעסן נעבן אים, האט אים געשווינט צוגעטראגן א גלעזל טיי מיט ציטרין און א פאר קליינע קיכעלעך, וועלכע א פארערער פונם אקטיאר האט באפוילן אריינצוברענגען אויף זיין חשבון.

כדי נישט ארויסצורופן קיין בייזע שטימונג נאך דעם פיינעם אויפטרעטן פון גאלינסקי, האט עמיצער פארגעשלאגן:

„און איצטער, לאמיר עפעס הערן פונם צד שכנגד, פונם אנדערן טישל. אפשר וועט איר, חבר וואלדמאן, אונדז פארלייענען עפעס לייכטעס, שלום־עליכם׳דיק׳ס. מע זאגט, איר זענט א גאנצער „ספעץ" אין שלום־עליכם. שלום־עליכמ׳ן מוז מען קענען לייענען. קוקט מיך נישט אן אזוי בייז, חבר וואלדמאן, איך בין נישט שולדיק, וואס מען האט אייך נישט געלאזט דעקלאמירן א פראגמענט פון פרצ׳עס א דראמע. לייענט עפעס פון שלום־עליכם׳ען, צעשטערט אונדז נישט „די יידישע ווייַנאכטן". און דערביי האט זיך דער, וואס האט דאס געזאגט, זייער הויך צעלאכט, ווייל דאס ווארט: „יידישע ווייַנאכטן" האט ער געהאלטן פאר א באזונדערש קלוגן איינפאל.

דער אקטיאר, וועמען מען האט גערופן וואלדמאן, איז אויך געווען א קליין־געוואקסענער מיט א קרומען, אביסל פארהויקערטן רוקן, א לאנגער שפיציקער נאז און לאנגע אויערן. ער האט געהאט דעם חסידישן קנייטש פון זיין מזרח־גאליצישער היים, וווּ אין זיינע ישיבות, איז אנטלאפן פון דערהיים קיין קראקע און פון דארט קיין ווין, ווו ער האט געהאפט צו קענען אנקומען אין איינעם פון די דייטשע טעאטערס. ער האט זיך א סך ארומגעדרייט הינטער די קוליסן, שווער געארבעט, זיך געהנפעט און געשמייכעלט צו יעדן, וואס האט געהאט א שטיקל דעה אדער איינפלוס. אבער נאך אלע אנשטרענגונגען איז אים נישט געלונגען צו קענען אויפטרעטן אויף די ברעטער, וואס פאר אן אקטיאר באדייטן זיי די גאנצע וועלט. אפילו א ראלע אלס סטאטיסט האט מען אים נישט דערלויבט. וואלדמאן איז פון נאטור געווען א סבלן, א געדולדיקער, וואס איז גרייט צו ווארטן, אויסצוהאלטן, צו ליידן, ביז די געבענטשטע שעה וועט קומען. זי איז נישט געקומען, די געבענטשטע שעה. האט ער געארבעט אלס בינען־ארבעטער, געשלעפט, געווארן א משרת ביי אלע וויכטיקע אקטיארן, הילפס־רעזשיסארן און בינען־מייסטערס. ער האט געטון אלץ, וואס זיי האבן פון אים פארלאנגט: געטראגן זייערע וואליזקעס צו א דראזשקע, באן־סטאציע; איינגעקויפט פאר זיי פאפיראסן, נאשווארק; אפגעקאכט א גלעזל קאווע, געהאלטן אין ארדנונג זייערע אפגעשריבענע ראלעס. זיי האבן אים געגעבן צונאמען: „דאס איז אונדזער פאקטאקום". אזוי האט עס געהייסן. א פאקטאקום מוז אלץ טון, און הערן, זעען און שווייגן. און דאס האט ער טאקי געטון מיט א גרויסער געשיקלעכקייט, באזונדערש דאס זעען און הערן. ער האט זיך גוט צוגעקוקט צו אלע טעכנישע איינריכטונגען פון דער קינע און פון הינטער די גוט צוגעקוקט צו אלע טעכנישע איינריכטונגען פון דער בינע און פון הינטער די שמועסן נאך די פראבעס.



אמאל, ווען ער איז נאך אזא פראבע געשטאנען אפגעמאטערט, אין א זייט, מיט א בליק פון בענקשאפט און אנטוישונג, איז איינער פון די גרויסע כאראקטער־שפילער צו אים צוגעטרעטן.

„וואלדמאן, וואס שטייט איר אזוי פארחלומט און פארטרויערט? זענט איר נישט געזונט?"

„גאט באהיט, איך בין נישט קראנק, נור א בענקשאפט נאגט ביים הארצן. איך וואלט אויך געוואלט אמאל שפילן טעאטער. איך גלויב, איך האב דעם נויטיקן טאלאנט".

און אזוי, ווי ער האט נישט באקומען קיין ענטפער, האט ער אפאלאגעטיש פארבעסערט:

„איך מיין נישט, הער שוישפילער, באלד היינט אדער מארגן . . . איך וואלט געוואשן אלע פאדלאגעס און געטון אלץ אין דער וועלט, ווען מע גיט מיר א געלעגנהייט".

און דער הער שוישפילער האט אים טרוקן געענטפערט:

„שלאגט דאס אייך ארויס פונם קאפ, וואלדמאן. איר ווייסט נישט און קענט נישט די שוועריקייטן און מניעות פונם טעאטער־וועזן און דער טעאטער־וועלט. ס׳איז א באזונדערע און אפגעשלאסענע וועלט. א סך יונגע מענטשן חלומען און גלויבן, אז זיי האבן דעם נויטיקן טאלענט. ס׳איז נישט בלויז דער טאלענט, וואס פירט צום דערפאלג. ס׳איז אויך נישט גענוג אמביציע און טאלענט. ס׳איז אפילו אויך נישט בילדונג, אקאדעמישע בילדונג, וועלכע ווערט פארלאנגט פונם היינטיקן אקטיאר. ניין, דאס אלץ איז נישט גענוג. מען מוז אויך באזיצן חוצפה און מזל. אנטשולדיקט, וואלדמאן, איך האב שוין צופיל געזאגט . . . צו וואס טויג אייך צו ווערן אן אקטיאר? צו גרויסע ראלעס וועט מען אייך נישט צולאזן, אפילו מיט טאלענט און אמביציע . . . בלייבט מיט אונדז דא, לערנט אייך אויס די טעכנישע זייט פון דער בינען־קונסט, אפשר מיט מזל און געדולד וועט איר אמאל ווערן בינען־מייסטער".

„ווען מיינט איר, וועל איך דאס קענען דערגרייכן?" האט וואלדמאן מיט הכנעה געפרעגט.

„דאס ווייס איך נישט, עס הענגט אפ פון די אומשטענדן: ווען דער איצטיקער בינען־מייסטער וועט ווערן פענסיאנירט אין אן ערך פופצן זעכצן יאר אדער . . . ער ווערט שטארבן . . . אמאל מוז מען ווארטן אויף יענעמס טויט. איר פארשטייט? ס׳איז אן איינפאכער חשבון. איר זענט דאך נישט קיין אומבאהאלפענער מענטש, לערנט אייך אויס, וואס אנדערע פארשטייען נאך נישט גענוג. ווערט א פאכמאן אין באלויכטונגס־קונסט, דעקאראציעס. א גוטער פאכמאן צו זיין איז נישט ווייניקער, ווי צו זיין א קינסטלער, און גלויבט מיר, נישט אלע אקטיארן זיינען קינסטלער, זיי זיינען אמאל אפילו נישט קיין פאכלייט".

נאך א פאר סעקונדן האט ער זיין שמועס באענדיקט:

„איר ווייסט גארנישט, וויפיל אקטיארן ס׳זיינען פשוטע קאליקעס. מען לאזט זיי צו צו קליינע ראלעס, וועלכע זיי שלעפן מיט זיך ארום דאס גאנצע

לעבן. זיי באקומען א הונגער־גאזשע, זיי לעבן ערגער, ווי די שטאטישע גאסן־קערערס. עס איז גארנישט אזוי פויגלדיק אין דער טעאטער־וועלט. נור די גרויסע און אנערקענטע אקטיארן לעבן מענטשלעך. דער רעשט — פשוטע פראלעטאריער, גוטן טאג, וואלדמאן. רעדט נישט מיט קיינעמען וועגן מיין שמועס מיט אייך".

„גוטן טאג, הער שוישפילער, און א שיינעם דאנק פאר אייער פריינטלעכקייט".

און וואלדמאן האט נאכגעטראכט: חוץ טאלענט און בילדונג מוז מען באזיצן חוצפה און מזל, מזל און חוצפה. צו דעם ברויכט ער, וואלדמאן, נישט צו ווארטן פופצען אדער זעכצען יאר ביז עמיצער וועט שטארבן און פאר אים פריימאכן א שטעל. ער וועט זיך באלד נעמען צו דער ארבעט. ער איז גרייט שווער צו ארבעטן. ער וועט טון, וואס מען וועט פון אים פארלאנגן. ער וועט ארבעטן איבערשעהן, פארדינען מער געלט און אפשפארן יעדן איבריקן גרייצער. און ער וועט א סך לייענען. מיט זיין גוטן זכרון וועט שוין עפעס אין זיין קאפ צוריקבלייבן. באזונדערש וועט ער קאפירן, נאכמאכן די גרויסע העלדן־און כאראקטער־שוישפילער, נישט אויף דער בינע, נור אינדערהיים, נאך דער ארבעט, ער וועט זיך שטעלן פארן שפיגל אין זיין מעבלירטן צימער און — שפילן טעאטער.

כמעט א גאנץ יאר האט ער נאכגעפאלגט דעם דאזיקן פלאן, האט אינטענסיוו געארבעט און מיטגעהאלפן ביי אלע טעכנישע ארבעטן הינטער די קוליסן, האט אויסגעלייענט איינמאל און נאכאמאל דעם גאנצן קלאסישן רעפערטואר פון דער סעזאן, האט נאכגעפאלגט ביי די פראבעס דעם אופן, ווי אזוי די אקטיארן טרעטן אויף אין געוויסע ראלעס: די מימיק, זשעסטן און הוועיות. און ווען ער איז מיד אהיימגעקומען, האט ער זיך פאר א פאר שעה געווארפן אין זיין בעט אויסצורוען די מידעביינער. ווען ער איז אויפגעשטאנען, האט ער אויסגעטרונקען עטלעכע קאוועס, און זיך גענומען צו זיינע רעפעטיציעס פארן שפיגל. אין שילערס „די רויבער" האט ער אליין אפגעשפילט אלע הויפטראלעס, אינם „סוחר פון ווענעדיק" האט ער געשפילט אי שיילאק אז אנטאניא, נאכמאכנדיק די אקטיארן פונם טעאטער, ווו ער האט געארבעט.

אינערלעך מיט זיך צופרידן, האט ער אויפגעגעבן זיין ארבעט, און איז צוריקגעפארן צו זיין שטעטל. חברים און פריינט האבן אים קוים דערקענט. ער איז געווען א גאר אנדערער מענטש, ווי זיי: עלעגאנט געקליידעט, מיט וועלטלעכע מאניערן, גרויסשטאטיש. זיין לשון איז געווען א דייטשמערישער יידיש אדער א צעקאליעטשעטער ווינער דייטש מיט אפגעהאקטע ציטאטן פון קלאסישע דראמעס, פון ארטור שניצלער אדער אנטאן ווילדגאנז.

ווען עמיצער האט אים געפרעגט, ווו ער האט געשטעקט די גאנצע צייט, האט ער לאקאניש געענטפערט:

„אין דער גרויסער וועלט פון ווין".

„מיט וואס האסטו געהאנדעלט?"

„נישט געהאנדעלט, געווען ביים טעאטער", און זיין בליק האט זיך



געטראגן ווייט אוועק, ווי ער וואלט דעם פרעגער גארנישט געזען.

„ביי וועלכן טעאטער?" האט דער פרעגער נישט נאכגעלאזט.

„פארשידענע טעאטערס, ווו ס'האט זיך געלוינט".

„און אין בורג־טעאטער אויך?"

„אויך אין בורג־טעאטער, אבער נור א קורצע צייט".

„פארוואס נור א קורצע צייט? האסט נישט געקענט די מלאכה?"

„ס'איז נישט אזוי איינפאך — מען לאזט נישט צו".

„און וואס וועסטו איצער טון?" האט דער פרעגער גענודיעט.

„דאס איז מיין גרויסער סוד. איך האב מיר א פלאן — שא, שטיל און גארנישט". האט וואלדמאן מיט וויכטיקייט געענטפערט.

„וואס הייסט: שא, שטיל און גארנישט? לאמיך וויסן, אפשר קען איך האבן א שטיקל חלק אין דיין סוד? איז עס א געשעפט, קען איך אפשר זיין א שטיקל מעקלער".

„ניין, ס'איז נישט קיין געשעפט. און אז מען וויל, איז עס נישט קיין סוד. עך וויל נישט מער צוריקגיין צו דער דייטשער בינע. עך וועל שפילן יידיש־טעאטער, מאדערן יידיש־טעאטער".

און אזוי האט זיך צעטראגן די מעשה פון ר' נתן וואלדמאנס עלטצטן זון, אז ער איז געווען א גרויסער אקטיאר אינם בורג־געזעגט בורג־טעאטער, און אז ער איז געווען א גרויסער אקטיאר אינם בורג־טעאטער, און איצטער וויל ער אלס בעל־תשובה שפילן רק יידיש־טעאטער, מאדערן יידיש־טעאטער.

אינם קליינעם שטעטל פון מזרח־גאליציע, נישט ווייט פון דער רוסישער גרענעץ, האט מען דאס געהאלטן פאר נאריש און משוגע.

„וואס הייסט עפעס יידיש־טעאטער, מאדערן־יידיש טעאטער? ווער ברויכט דאס דא? פון דעם וועט ער לעבן? ס'איז פשוט א נארישקייט, א משוגעת".

פארן יונגן וואלדמאן איז עס נישט געווען קיין משוגעת. נאך א פאר וואכן אפרו ביים טאטענס טיש, איז ער צום צווייטן מאל פארשוונדן פון דערהיים, איז געפארן קיין קאלאמיי, פון קאלאמיי קיין לעמבערג, פון לעמבערג קיין טשערנאוויץ. געפארן אהין, אהער און געזוכט קאנטאקטן מיט די וואנדערטרופעס, וועלכע זיינען ארומגעפארן איבער יידישע שטעט און שטעטלעך פון מזרח־און מערב־גאליציע, בוקאווינע און קרוין־פוילן.

צו קיין גרויסע העלדן־ראלעס האט מען אים נישט צוגעלאזט. אבער, ווען ס'איז געקומען צו וויכטיקע טעכנישע פראבלעמען, האט כמעט יעדער פון הער טרופע געזאגט: „לאמיר הערן, וואס וואלדמאן וועט דערצו זאגן". און מייסטענס איז דאס, וואס וואלדמאן האט געזאגט, געווארן אויסגעפירט. אויך האט מען זיך מיט אים באראטן אין רעזשי־פראגן, ווייל ווער קען דען מער וויסן פון וואלדמאנען, וועלכער „האט געהאט די זכייה זיך צוצוקוקן צו דער ארבעט פון די גרויסע מייסטער־רעזשיסארן פון ווין?"

אזוי איז וואלדמאן געווארן א יידישער אקטיאר א וואנדער־אקטיאר, א בלאנדזשענדער שטערן, ווי ער פלעגט זיך אליין באצייכענען, באנוצענדיק דער־

ביי שלום־עליכמ׳ס באקאנטן אויסטייטש. זיין אמביציע איז געווען צוזאמענצושטעלן אן אייגענע טרופע, ווערן זייער אנפירער, רעזשיסאר, דירעקטאר. „יא, טעאטער־דירעקטאר, וואסער שיינער טיטל דאס איז!" ווען גאט העלפט אים אזוי, און ער קומט צו פארן אהיים, אויסגעפוצט, ווי א פריץ, אין א פיאקער מיט גומענע רעדער, וועלן אלע פענצטער פונם שטעטל זיך אויפמאכן און קוקן, ווער עס קומט דא אן. „דאס איז דער הער טעאטער־דירעקטאר וואלדמאן". דאס איז גענוג, קיין העכערן טיטל גיבט עס נישט אויף דער גאנצער וועלט.

און עס האט נישט געפעלט קיין סך און זיין חלום וואלט געווארן פארווירקליכט. נאכן ארומפארן, מיט פארשיידענע קאראוואנעס און וואנדער־טרופעס אן ערך פינף יאר, איז ער אינם יאר 1913 געקומען אין א גרעסערער שטאט ביי דער ווייסל אין רוסיש־פוילן, נישט ווייט פון דער פרייסישער גרענעץ. די דאזיקע שטאט פון האנדל און קליין־פאבריקאציע האט געהאט א נאמען אלס פראווינציעלער קולטור־צענטער, דארט איז געווען א ריכטיקער טעאטער־בנין, נישט קיין סטאדאלע, ווו מען האט עטלעכע חדשים אין יאר געשפילט יידיש און פויליש טעאטער. ארום פורים־צייט איז דארט וואלדמאן אנגעקומען מיט דער וואנדער־טרופע שייעוויטש. די טרופע איז אויפגעטרעטן מיט א ביליקן רעפערטואר, וואס האט גארנישט אויסגענומען. האט וואלדמאן פארגעשלאגן צו שפילן יעקב גארדינס „גאט, מענטש און טייוול" און „דאס שפיל פון קעניג אחשורוש און אסתר המלכה", א היסטארישער שפיל פונם באקאנטן ווינער דראמאטורג אסיפ וואלדמאן.

שייעוויטש האט וואלדמאנען אנגעקוקט ווי משוגע.

„וואס הייסט עפעס פונם באקאנטן ווינער דראמאטורג אסיפ וואלד מאן? פון ווען אן הייסטו אסיפ? און יאסל משה־גרויס איז ווייניק?" האט זיך וואלדמאן גארנישט באליידיקט און געענטפערט: „איר האט דאך דעם מאנוסקריפט נישט געלייענט. לאזט מיך די פיעסע לייענען פאר דער גאנצער טרופע, וועט איר שוין נישט רעדן אזוי ציניש. איר זענט דאך דער דירעקטאר און איר ווילט פארדינען. דאס וויל איך אויך, אבער נישט דאס איז דאס וויכטיקסטע. דאס ביי מיר איז דערפאלג. איך וויל אייך באווייזן, אז איך קען עפעס".

דער הער דירעקטאר שייעוויטש האט געטענהט, אז ער וויל די פיעסע לייענען פאר זיך אליין.

„וואס פארשטייען דען די אקטיארן פון א היסטאריש שפיל? איך בין דער דירעקטאר. ווען די פיעסע וועט מיר געפעלן, וועלן מיר זי אויפפירן, ווען נישט, גיב איך אייך צוריק דעם מאנוסקריפט.

„איר קענט מיין מאנוסקריפט נישט באקומען. איר ווילט נישט, איז נישט".

אזוי ווי וואלדמאנס ערשטער פארשלאג, צו שפילן „גאט, מענטש און טייוול" איז געווען א דערפאלג, האט שייעוויטש מורא באקומען זיך איינצורייסן מיט אים, אפשר האט דער חברה־מאן אנגעשריבן עפעס גוטס, און עס קען אויסנעמען ביים עולם, באזונדערש איצטער פורים־צייט". האט ער אנגענומען וואלדמאנס צווייטן פארשלאג, אבער נור מיטן תנאי, אז נור הויפשפילער זאלן זיין אנוועזנד בשעת זיין פארלייענען.



נאך דעם פארלייענען האט שייעוויטש געזאגט:

„זאגט נור, וואלדמאן, פון ווו האט איר אפגעשריבן די פיעסע?"

„פון ערגעץ נישט, און ווען יא, וואס איז דער חילוק? איך האב אפגעשריבן פון מגילת אסתר", וואלדמאן׳ען איז אויפגעפאלן, אז שייעוויטש האט אויפגעהערט אים צו דוצן.

נאך לאנגע קריגענישן און מחלוקות איז געבליבן, אז מען וועט לאזן אויפקלעבן גרויסע אפישן וועגן דעם גרויסן „שפיל פון קעניג אחשורוש און אסתר המלכה", פארפאסט פונם באקאנטן דראמאטורג אסיפ וואלדמאן.

איידער די אקטיארן זיינען אויפגעטרעטן צום שפיל, איז וואלדמאן, דער „הער פארפאסער און רעזשיסאר", ארויפגעקומען אויף דער האלב־באלויכטענער בינע, ווו אינם הינטערגרונט איז געווען אויסגעשפרייט א בלוי־ווייסע פאן מיט א גרויסן מגן־דוד. אליין איז ער געווען אנגעטון אין א העל־ברוינעם לאנגן כאלאט מיט ברייט ארבלען, אויף וועלכע עס זיינען געווען צווישן־געניי־ט ווייסע זיידענע שטרייפן, אויפן קאפ האט ער געטראגן א הויכן צילינדריקן הוט, זיין פאלשע בארד איז געווען פיר־עקיג, ווי ביי די פערשטן פונם אלטן אשור. מיט פאמעליכע שריט איז ער געטרעטן אינדערמיט פון דער בינע, און האט ערנסט מיט א קלארן קול אפגעזאגט זיין פראלאג:

ויהי בימי אחשורוש, און דאס איז געשייען אין די טעג פון אחשורוש; הוא אחשורוש, דאס איז דערזעלביקער אחשורוש, המולך מהודו ועד כוש, וואס האט געקיניגט פון אינדיע ביז צום לאנד פון כוש, אין הונדערט־און זיבן־און צוואנציק מדינות. בימים ההם, אין יענע טעג, כשבת המלך אחשורוש, ווען עס איז געזעסן דער קעניג אחשורוש, על כוסו מלכותו, אויף זיין קעניגלעכן שטול, אשר בשושן הבירה, אין זיין רעזידענץ־שטאט שושן . . ."

א קליינע פויזע, וואלדמאן שפרייט אויס זיין רעכטן ארם און באענדיקט זיין ארייננפיר מיט א דייטשמערישן קלאנג:

„מיינע הערשאפטן, דער פארהאנג הויבט זיך . . . איר וועט זעען א שטיק יידישע געשיכטע; דאס שפיל פון קעניג אחשורוש און זיין קעניגין, אסתר המלכה".

נאכן פארשפיל האט וואלדמאן הינטער די קוליסן נאכגעפאלגט דעם גאנג פון זיין ווערק, ווי ער האט עס אנגערופן. שייעוויטש, דער דירעקטאר, האט מיט א באהאלטענער קנאה געטון דאס זעלבע. און ווען דער עולם האט ביי פארשיידענע קאמישע סצענעס זיך געהויבן פון די פלעצער און באגייסטערט אפלאדירט, האט שייעוויטש געצופט וואלדמאנען ביים רעכטן ארבל.

„איר זעט, וואלדמאן, א שפיל מוז האבן זאלץ און פעפער, ווי א גוט שטיקל געבראטענס. איר זעט, מיינע לידלעך און געפעפערטע וויצן געפעלן דעם עולם אויך גאנץ גוט. איך זאג נישט, אז אייער שטיק איז נישט גוט . . . זאלץ און פעפער, וואלדמאן, איר פארשטייט?"

וואלדמאן האט אויף דעם גארנישט געענטפערט. זיינע געדאנקן האבן אים ווייט געטראגן צוריק קיין ווין, — צום שמועס מיטן כאראקטער־שוישפילער. „טאלענט אליין איז נישט גענוג", האט ער געזאגט. „מען מוז אויך האבן

חוצפה און מזל״. ער, וואלדמאן, גלויבט, אז ער האט יא טאלענט. מיט חוצפה אליין קען מען נישט אנשרייבן א שטיק, צו דעם, מוז מען האבן טאלענט, און דאס האט ער. וואס ער ברויכט איצטער איז מזל. הערווייל איז אלץ גוט. זיינס א שטיק ווערט געשפילט אין א גרעסערער שטאט פון פוילן, נישט אין קיין סטאדאלע, נור אין אן אמתן טעאטער. „דער עולם אמוזירט זיך, דער עולם האט הנאה״, האט ער צו זיך אליין גערעדט.

און אין דער צייט, ווען זיינע חברים־אקטיארן האבן שווער געארבעט אויף דער בינע, האט וואלדמאן מיט אפענע אויגן געחלומט פון אנשרייבן עטלעכע היסטארישע פיעסעס, וועלכע וועלן אים בארימט מאכן אין דער גאנצער יידישער וועלט.

## די תפילות פון מרדכי הצדיק און אסתר המלכה

און געדענקענדיק אלע מעשים פון האר גאט, האט מרדכי מתפלל געווען, אזוי צו זאגן: האר, האר, אלמעכטיקער קעניג, וואס אלץ איז אין דיין רשות, און וואס קיינער קען דיר נישט ווידערשפעניקן ווען דו ווילסט מציל זיין ישראל, מחמת דו האסט באשאפן הימל און ערד און אלע וואונדערלעכע זאכן אונטערן הימל, און דו ביסט האר איבער אלעם און ס׳איז נישטא אזעלכער, וואס קען זיך דיר אנטקייגנשטעלן, דעם האר. דו ווייסט אלץ; דו ווייסט, האר, אז נישט צוליב חוצפה, און נישט צוליב גאווה, און נישט אפילו מחמת ליבשאפט צו כבוד האב איך דאס דאזיקע געטון, מיך נישט צו בוקן פאר דעם בעל־גאווהדיקן המן, ווארום פאר הער ישועה פון ישראל וואלט איך אים גערן געקושט די זוילן פון זיינע פיס. נאר איך האבן דאס דאזיקע געטון, כדי נישט צי זעצן דעם כבוד פון א מענטשן העכער ווי דעם כבוד פון גאט; און איך וועל מיך נישט בוקן פאר קיינעם אחוץ דיר, מיין האר, און איך וועל אזעלכעס נישט טון מחמת שטאלץ. און איצט, האר, גאט דער קעניג, דער גאט פון אברהם, שוין דאס פאלק דיינס, ווייל זיי בליקן אויף אונז צו פארדארבן, און זיי האבן באגערט צו פארניכטן די ירושה, וואס איז דיין פון אייביק אן. פארלאז נישט דיין חלק, וואס דו האסט דיר אויסגעלייזט פון לאנד מצרים. דערהער מיין געבעט, און הערבארם דיך אויף דיין ארבטייל, און לאז פארקערט ווערן אונזער טרויער צו פרייד, כדי מיר זאלן לעבן און זינגען צו דיין נאמען, האר, און זאל נישט פארשניטן ווערן דאס מויל פון די, וואס גיבן אפ א שבח צו דיר. — און כל ישראל האבן געשריגן (צו גאט), ווייל זייער טויט איז שוין געווען פאר זייערע אויגן.

און אויך אסתר המלכה אין אירע אנגסטן פון טויט האט געזוכט אן אנטרינונג ביים האר, האט אראפגענומען פון זיך און אוועקגעלייגט די הערלעכע מלבושים אירע און זיך אנגעטון מלבושים פון נויט און טרויער, און אנשטאט ד׳ טייערסטע געווירצן האט זי באדעקט איר קאפ מיט אש און שטויב, און דעם קערפער אירן האט זי זיך זער געפייניקט, און יעדעס ארט פון דער צירונג צי זעצן דעם כבוד פון א מענטשן העכער ווי דעם כבוד פון גאט; און איך



געטון צום האר גאט פון ישראל, אזוי צו זאגן, האר מיינער, נאר דו אליין ביסט אונזער מלך, העלף מיר, דער איינזאמער, און וואס האט נישט קיין העלפער אחוץ דיר מחמת מיין געפאר אי׳ז שוין ביי מיר אויף דער האנט. פון קינדווייז אן האב איך געהערט אינם שבט פון מיין פאטערס הויז, אז דו, האר, האסט אויסדערוויילט ישראל פון אלע פעלקער, און אונזערע אבות פון אלע, וואס זענען געווען פאר זיי, פאר אן אייביקן ארבטייל, און האסט געטון פאר זיי אלץ וואס דו האסט געזאגט. און איצט האבן מיר געזינדיקט פאר דיר, און דו האסט אונז איבערגעענטפערט אין די הענט פון אונזערע שונאים, ווייל מיר האבן פארהערלעכט זייערע געטער. גערעכט ביסטו, האר. און איצט איז עס מער נישט גענוג פאר זיי די ביטערקייט פון אונזער קנעכטשאפט, נאר זיי האבן געלייגט זייערע הענט אויף די הענט פון זייערע אפגעטער אפצושאפן די באשטימונג פון דיין מויל, און צו פארניכטן דיין ארבטייל, און צו פארמאכן דאס מויל פון די וואס לויבן דיך, און אויסצולעשן דעם כבוד פון דיין הויז און דיין מזבח, און אויפצומאכן דאס מויל פון די גוים צום לויב פון הבלים, און אז א מלך בשר־ודם זאל פארהערלעכט ווערן אויף אייביק. גיב נישט איבער, האר, דעם סצעפטער דיינעם צו די וואס זענען גארנישט, און זאלן זיי נישט לאכן אויף אונזער מפלה, נאר קער איבער זייער ראטשלוס אויף זיי אליין; יענעם טאקע, וואס האט אנגעהויבן מיט אונז, מאך פאר א משל. געדענק, האר, באוויז דיך אין דער צייט פון אונזער צרה און גיב מיר מוט, מלך פון אלע געטער און מושל פון יעדער ממשלה. גיב מיר געפעליקע רייד אין מיין מויל אריין פאר דעם לייב און קער איבער זיין הארץ צו האסן דעם, וואס פירט מלחמה קעגן אונז צו זיין סוף און צום סוף פון אלע, וואס טראכטן ווי ער. אונז אבער זיין מציל מיט דיין האנט און העלף מיר, דער איינזאמער, וואס האט נישט קיינעם אחוץ דיר, האר. דו האסט אלדאס וויסן, און ווייסט, אז איך האב פיינט דעם כבוד פון די רשעים, און פאראומווירדיק דאס בעט פון ערלים, און פון יעדן נכרי. דו ווייסט מיין באדערעניש, אז איך פאראומווירדיק דעם צייכן פון מיין שטאלץ, וואס איז אויף קאפ אין די טעג פון מיין באווייזן מיך. איך פאראומווירדיק עס ווי א שמאטע פון דער נידה, און איך טראג עס נישט בשעת איך בין ביי מיר אליין. און דיין דינסט האט נישט געגעסן פון המנס טיש, און האב אויך נישט מכבד געווען דעם קעניגס מאלצייט, און אויך נישט געטרונקען קיין יין־נסך. און דיין דינסט זיך נישט געפריידט זינט דעם טאג פון מיין דערהויבונג ביז איצט, אחוץ אין דיר, האר גאט פון אברהם. גאט, וואס די ביסט מעכטיקער איבער אלע, דערהער דאס קול פון דער פארצווייפלטער, און זיי אונז מציל פון דער האנט פון די וואס טוען בייז, און זיי מיך מציל פון מיין שרעק.

איבערזעצט פון תרגום־השבעים,

א. אלמוג

---

**מיר בעטן אונזערע אבאנענטן, זיי זאלן צושיקן זייער אבאנאמענט אפצאל.** דערמיט וועלן זיי פיל פארלייכטערן אונזער אַרבעט.

## עלע זילבערג

### פאר לאהאָלן צום 16-טן געבורטסטאג

די וועלט פאר דיר איז אפן,
די וועלט פאר דיר איז ברייט.
די וועלט פאר דיר א גארטן,
צו פלאנצן אנגעגרייט.

די ערד זי ווערט אויפנעמען
פיל זאמען אלערליי
און ווערט פון דער פערלאנגן,
צו פלעגן איר געטריי.

און וועסט דו בלומען פלאנצן,
באשיץ זיי גוט מיין קינד.
עס זאל זיי ניט פארבלאזן,
א שטורמדיקער ווינד.

באגיס זיי יעדן מארגן,
ווייל זייער דורשט איז גרויס,
און ריייניג אפ דאס אומקרויט
די שטיינער ווארף ארויס.

און ווילסט דו זיך פערזארגן,
מיט א דופטיגן בוקעט,
פערפלאנץ דיין גארטן צייטוג
און ווארט ניט ביז צו שפעט.

## שמואל ווהייט

### איינזאמקייט

איך וויל צערייסן די קייט
פון מיין איינזאמער איינזאמקייט,
באדויער איך מיך און באוויין,
וואס קאן ערגער זיין ווי אַליין ? . . .

טאג איין טאג אויס
ווערן טעג גרעסער ווי גרויס,
און אויב עס איז אטאג א טריבער,
איז עס מיר אַסאַך־אַסאַך ליבער — — —
— — — — — — — — — — — — — — — —

היינט האט דער ים צו מיר גערעדט,
מיט א ווייסן שוים אויף דיליפן,
פון מיר געחוקט פון מיר געשפעט,
איך האב דאס חוזקן ניט באגריפן :
איינזאמער דו מיט דיין איינזאמקייט,
איך פארשלינג דיך אין מיין טיפן תהום,
צו באַהעפטן דיך מיט צייט, מיט רוים . . .

„די אידישע שטימע“
די איינציקע וואכנצייטונג אין דער אידישער שפראך אין דעם לאנד.
THE JEWISH VOICE LTD.
11-13 NEW ROAD, LONDON, E.1. Phone: BIS. 9804



## יוסף לעפטוויטש

### א בלאט

א בלאט וואס אמאל איז געלעגן
נאענט פון דער ערד, אין א רעגן,
ווען דער ווינט טוט אים אויפהויבן,
און טראגט אים אוועק דורך ווילדע וועגן,
לאזט ער א סימן ווו ער איז געלעגן.
ווען דאס בלאט איז פארפוילט, איז געשטארבן,
בלייבט זיין סימן, כאטש, ער איז שוין פארדארבן.

### טויט

צוויי פייגל און א טויט בלאט
האפסן ווי דריי פייגל צוזאמען.
וואס קען א טויט בלאט
פון א קאלטן ווינטער באקומען ?

דער ווינט וואס טויט אפ לעבנס,
מאכט טויטע לעבעדיק צוריק.
דער ווינט שניידט ווי א מעסער,
שטיק נאך שטיק.

דאס טויטע בלאט, ווי די פייגל,
לויפט א הונגעריקער מיטן ווינט.
נאר וואס קען טון א טויט בלאט
מיט די ברעקלאך וואס ער געפינט ?

הונדערט

מיין עלטער — מומע, וואס ליגט דא,
איז אלט געווען,
ווען זי איז געשטארבן,
100

יאר נאך יאר איז זי ביסלעכווייז געשטארבן,
ביז זי איז געווען אזוי טויט,
ווי איר ברודער, מיין עלטער־זיידע,
וואס איז געשטארבן יונגערהייט.

איצט זענען זיי גלייך טויט, ביידע.
און דער חילוק צווישן זיי איז גרינג,
כאטש זי איז געשטארבן אזוי אלט,
און ער אזוי יונג.

## פאַרוואָס איז ער דער גרעסטער פון אונזער דור

(אויף דער „טרויער אַקאַדעמיע צום אָנדענק פון ה. לייוויק ז״ל״)

מיר גייען נישט נאָכזאָגן קיין שבחים א חשובן נפטר און אויסזוכן וואָס שענערע וואָס בכבודיקע ווערטער, ווייל לייוויק געהערט צו די שפּעריש־אומשערבלעכע פּערזענלעכקייטן, וואָס גייען אַריין צווישן אונזערע גדולי־הדורות.

ווען דער יונגער לייוויק איז געקומען קיין אַמעריקע האָט ער דאָרטן געפונען גרעסערע פון אים צווישן די עלטערע: מאָריס ראָזענפעלד־ווינטשעווסקי, יהואש־רייזין, און אויך צווישן די ייִנגערע: משה לייב האַלפּערין, מאַני לייב און צו לאַנגע יאָר, לייעלעס׳ן.

ווי אונזער פּראָזע איז געגאַנגען אין חדר אריין ביי די רוסן און פראַנצויזן, האָט זיך אונזער פּאָעזיע געהאָדעוועט אויף פּושקינען, לערמאָנטאָוון, היינריך היינען און בייראָנען און קומענדיק אין דער נייער וועלט, קיין אַמעריקע האט מען דאָרטן געפינען די נייע גרויסע ווי, וואָלט וויטמאַן, לאָנגפעלא א.א.

אָבער צו ווערן א גדול־הדור ביי אַ פאָלק גענוגט נאָך נישט די העכערע מדריגה פון קענען, פון טאַלענט, צי אפילו דאָס טיפע־אינערלעכע עטישע און עסטעטישע געפיל, — די צוויי לעצטע, ווי די ערשטע די „ארבע יסודות״ פון דיכטונג! — מוזן אַדורכגיין דורכן מעדיום פון אייגענעם פאָלק, וואָס זייער שרשים און צינורות באַהעפטן זיך עד סוף כל הדורות.

גרויסע קולטורן, אור־קולטורן האָבן א מיטאָס! די מיסעליאַנס פון דער אייראָפּעאישע ציוויליזאַציע איז, מסתם, ווייל זי האָט געוואָלט צוויי קולטורן מזווג זיין—די גריכישע מיטאָלאָגיע מיט דער יידישער מאַרטערעלאָגיע, מיתה־לאָגיע — מיטן פינטעלע ייד אין דער תיו.

זיכער די יפיפתו של יפת זיינען מיר מחויב אַריינצוברענגען באהלי של שם, די פלאַסטישע חושימדיקייט, די פאַרעמדיקע באַוועגלעכקייט, אבער דער מיטאָס מוז בלייבן אריינער, אן אייגענער — א רואה ואינו נראה!

און אויב עס ראַנגלען זיך נישט ביי אונז קיין געטער אויף דעם אופן, ווי טינטאָרעטאָ, ווי רובנס, ווי א יאָרדאַנעס שטעלן זיך זיי פאָר, אבער ווי יעקב מיטן מלאך, ווי יצחק אויף דער עקידה, ווי משה מיט גאָט גופא אפילו — „עם אין מחינו נא״!

אונזער מאָדערנע ליטעראַטור, וואס איז קוים אלט 100 יאָר — דאָס ערשטע מענטשלעכע בוך מענדעלעס וואָס איז געשריבן געוואָרן 1863, הייסט נישט בחנם „דאָס קליינע מענטשלע״! — האָט אָנגעהויבן משכיליש, האָבן דאָך אונזערע שרייבער געוואָלט אונז פאַרמענטשלעכן, אלץ בעסער און גרעסער, נישט נאָר „ויהי אדם בצאתך״, פון אונז מאַכן גאַנצע מענטשן; שלום עליכם און פרץ — אפילו שוין פאַר ציוניסטן און סאציאַליסטן!

אונזער יידיש ליטעראטור וואלט געווען געבליבן פאַרבייגייענדיקע, „פאַנאָראַמאַ״, א שיין־שילדערנדיקע דערשיינונג, ווען ס׳וואָלט געווען, ווי



שרייענדיקע שרייבערס האָבן וועלטן איינגעלייגט, „עברית או רוסיש״, אדער ווי די פון א דור שפעטער — יידישע פאָרעם און מאַרקסיסטישער אינהאַלט.

נישט בחנם איז פרץ געוואָרן און געבליבן דער טאַטע פון דער יידישער ליטעראַטור, פון אונזער מאָדערנער דיכטונג, דער רבי וואָס אלע יונגע שרייבער פון זיין דור שוין און פון אונזער דור האָבן גענומען צום אים ארויפקוקן — שטייענדיק אין די טיפעניש „צווישן די צוויי בערג״ — פאַרשטייענדיק זייער טיפן סוד! — איז ער אליין געוואָרן „אויב״ נישט נאָך העכער.

מיט פרצעס „פאָלקסטימלעכע הערציילונגען״, מיט פרצעס „חסידיש״, מיט זיין „אין פאָליש אויף דער קייט״ און זיין „גאָלדענער קייט״ איז אונזער מאָדערנע דיכטונג קשר־של־קיומהדיק ווידער פאַרבינדן געוואָרן און אָנגעקניפּט געוואָרן מיט „מסירת נפש״, מיט „צדיק גוזר והקדוש ברוך הוא מקיים״, מיט „רואה ואינו נראה״ — א פראָסטער „באַס־גייגער״ שטייט פנים אל פנים מיט גאט; „א גילגול פון א ניגון״ פאַרבינט אונז מיט אלע אונזער עולמות; זיין „מאָניש״ — אונזער ערשט הערויאישע פּאָעמא! — ראַנגלט זיך שוין מיט שטן, זיין „באָנטשע״ שטייט ווי אַ זיגער פאַרן כסא־הכבוד״ — „מיין נישט די וועלט איז א קרעטשמע״!

פרץ האָט נישט נאָר געשפירט און געוווּסט פון די טיפע סודות — אין אונזער רעאַליסטיש־נעבעכדיקער „קעלער שטוב״ האָט ער געלייגט דעם פעסטן יסוד: „תולה ארץ על בלימה״, ווידער זי פאַרקניפּט מיט די ערשטע אור־סודות.

דער גראַנגל אין אונזער ליטעראַטור נאָך פרצעס פטירה: די כליאַסטערע אין פוילן, די אינזיכיסטן אין אַמעריקע, דאס אויפגעבראָכנע אין סאָוויעט רוסלאַנד — אורי צבי גרינבערג־אהרן צייטלין פון דער זייט באַריערע, מאַרקיש־קולבאַק פון דער צווייטער זייט „מעפיסטא״, „מטטרון״, „מאָנטיק״; אין אמעריקע דוד איגניאַטאָוו־זישע לאַנדא, שוואַרץ־ראַביי, — עס לויטערט זיך, עס לייטערט זיך ביז צום זיבטן הימל, ביז צום תהום; אָפּאַטאָשו און לייוויק — „הנאהבים והנעימים בחייהם ובמותם לא נפרדו״ . . .

און באַלד נאָכדעם וו ס׳איז אַרויס אויף דער זייט ים אַנסקיס „דיבוק״ איז אויף דער צווייטער זייט דערשינען לייוויקס גולם״! יאָ, אין „דיבוק״ דרייט זיך שוין ארום דער משולח, וואָס באַהערשט מיט זיין סודותדיקע שטייפקייט דאָס מיסטיש־מיטישע פון די באַוועגלעכע סצענעס; ער פאַלט אונז אין אויג, מיט זיין דורכדרינגלעכקייט; ער איז אין דער חסידיש־רעאַליסטישער סיפור־המעשה — אין דעם אביונים־טאַנץ! — דער אחריות טראָגנדיקער, חושימדיק־געפאָרעמטער רואה ואינו נראה.

לייוויקס גולם איז שוין די שליחות גופא! און אזוי וואַקסט לייוויק אַלץ גרעסער און גרעסער מיט זיין יידישלעך אלמענטשלעכער שליחות, אלץ יאָדרעדיק־צימצומדינער דרינגטער אין אונזער דור־דורותדיקייט — מיט זיין קעמפעריש־יוגנדלעכער סקעפטישקייט, ווו קריסטוס, משיח, דער גולם, ווערט מיט אין „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק״־פאַראַפראַזע אָפּגעווישט:

„נאַר אַן אויסרייד, נאַר אַ שפּאַס,
פּאַר דעם לעצטן נאַר אין גאַס״.

וויקלט ער זיך אַזוי אין אַלע פלאַמען פון גלות ביז ער דערגרייכט דאָס ליכט פון גאולה — „דער מהר״ל מפּראַג, דער מהר״ם מרויטנבערג; אַ געבינדענער, אַ געצוימטער, אַ זיך סאַרפנדיקער אין די אייגענע קייטן דערגרייכט די טיפענישן פונם יידישן מיטאָס — אחריות און ערבות, נישט נאַר איינער פאַרן אַנדערן פאַר דער גאַנצער וועלט, פאַר אַלע ברואים. נאָך אַ געבוירענער אין איהומען, ווו ער האָט נאָך מיט די אויגענע אויגן געזען די טויטע חסידים די דבקות־חדווהדיקע בעלי סיגופים, לעבעדיק אַליין אַ געבונדענער אין קייטן, טראָגנדיק אויף זיך אַ דור אַ געפּרוווטס אין די גרעסטע יסורים דערגרייכט ער מיט פּרצעס פאַרטיפטן צדיקיזם, צום העכסטן געראַנגל פון גאולה — מיט אַזאַ פשטות, אַז אפילו דער שוסטער־יונג הערש לעקערט איז עס משיג — אויב נישט נאָך טיפער.

דער פּרק־ריטם פון דער „גאָלדענער קייט״ אין זיין גולם באַקומט אייגענע פשטות אין זיינע דראַמעס, אין זיינע לידער דערגרייכט אַלץ מער און מער צו „אין זיכיסטיש״־ראַפינירטערער פאָרעם, ווען זייער תוכן איז יידיש־מיטאָלאָגיש.

לעבעדיק ווי אַ צייטיקער דיכטער שוין, אין אַ צייט פון מיתות משונות, פון ארבע־מיתות, ווו דער יידישער שרייבער ווערט אַ טייל פונם מיטאָס, פון דער עקידה, לייטערטער זיך אין אלע פייערן, פון טרעבלינקע, פון אָשוויץ —

אַז דער שעפערישער מענטש ווערט דאָס מעדיום פונם פאָלק ווערט עס איינס מיטן פאָלק, אַ קדוש מיט די קדושים, זיין צער־און דבקות־טאַנץ ער חדווהדיק אויס מיט די חלוצים־הוירא׳ס —

לייוויק מיט זיין גרויסער ליבשאַפט צו יידיש, צו אַלץ וואָס איז יידיש, וואס איז מענטשלעך, סאָציאַל־געזעלשאַפטלעך, מיט געטריישאַפט און חברשאַפט, וואַקסט צוזאם און וואקסט מיט מיט די אַלץ שווערערע און גרעסערע אויפגאַבעסן מיט אלץ דערפרישטערע און מעכטיקערערע כוחות; זיין לעבן ווערט איין גאַנצקייט; אונזער גאנצקייט — אלע צוזאם, געבונדענע אין דער קייט, שלעפן מיר זי; זיינע לירישע לידער — אונזער טראַגיש לעבן, די האַנדלונגען אין זיינע טראַגישע דראַמעס — זיין לעבן. ווי אונזער לעבן, אונזער דיכטונג, איז קול־ישראלדיק, שותפותדיק.

אַז עס שטאַרבט אַ גדול איז „פּנה זיווה, פּנה הודה, פּנה הדרה״, מיטן פּאָעט ה. לייוויק איז אוועקגעגאַנגען פון אונזער שענסטער פּליאַדע אין אמעריקע אַ דיכטער־שטערן, וואָס האָט געגעבן מייסטערשאַפט די יידיש דיכטונג און די יידיש דראַמע.

מיט ה. לייוויקן און מיט אונזער גרויסע פּאָעטן וואָס לעבן און שאַפן דאָרטן צו לאַנגע יאָר, איז אונזער יידישער ישוב דאָרט געוואָרן אַ דבר של קימה. אויב ס׳קענען זיך צעוואַקסן אַזעלכע ריזן ווי אונזערע פּאָעטן דאָרט זיינען זיך אויסגעוואַקסן, ווי לייוויק איז דאָרט אויסגעוואַקסן — דאָס איז דער טרייסט;

„והארון נושא את נושאיו״

ש.



אייזיק גאלדבערג

## אונזער קאמף פאר יידישער קולטור

(לכבוד דער צוואנציק־יעריקער טעטיקייט פון „פריינט פון יידיש־לשון״ דא אין לאנדאן)

דאס יידישע לשון איז געווען א לעבעדיקער פאקטאר און א פאַרבינדונג אין דער יידישער וועלט, איבערהויפּט אין מזרח־אייראפּע. הונדערטער יארן האבן כמעט אלע יידן גערעדט און זיך אויסגעלעבט אויפן יידישן לשון. דער מלמד אין חדר האט געלערנט מיט די תלמידים אויף יידיש, אין שטוב, אין גאס, אין שול, אומעטום האט מען גערעדט און זיך אויסגעלעבט מיטן יידישן לשון. מיט איין ווארט, יידיש איז געווען די פאלקס־שפראך כמעט ביי אלע יידן אין דער גארער וועלט. אבער אין די לעצטע צענדליקער יארן פון נײַנצטן יארהונדערט האט דאס יידישע לשון זיך אנגעהויבן וועלטלעך צו פארמירן.

דעמאלט איז אויך געווען א צייט, ביי יידן און כמעט ביי אלע פעלקער, ווען די ברייטע מאסן האבן נישט געקאנט שרייבן און לעזן. דער דראנג צום וויסן איז אבער געווען זער א שטארקער, און דאס נאכצוקומען איז נאר געווען מעגלעך אין דער שפראך, אויף וועלכער די ברייטע מאסן האבן גערעדט, פארשטאנען און זיך אויסגעלעבט. די ערשטע פיאנערן צו לערנען שרייבן און לעזן יידיש זענען געווען פריוואט־לערער, וועלכע זענען געקומען אין די יידישע היימען צו לערנען מיט די קינדער.

אין דער צווייטער העלפט פון נײַנצנטן יארהונדערט זענען שוין דערשינען אין פוילן און אין מזרח־אייראפע יידישע צייטונגען, זשורנאלן, ביכער, פעריאדישע אויסגאבן און אזוי ווייטער. דאס אלץ האט דעם יידישן לייענער דערמעגלעכט צוצוקומען צו א וועלטלעך וויסן. אזוי ארום האט זיך געשאפן א וואגיקע יידישע ליטעראטור מיט באדייטנדיקע יידישע קלאסיקער.

אין דער צייט פון דער ערשטער רוסישער רעוואלוציע אין 1905 ביז צום אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה אין 1914 האבן פארשידענע יידישע ארגאניזאציעס און פארטייען, ווי ציוניסטן, בונד, פועלי־ציון, פאלקיסטן און אנדערע, מיט זייער ברייטער טעטיקייט גורם געווען אפצוהאלטן די ברייטע מאסן פון אסימילאציע, וועלכע די יאהודים האבן שוין דעמאלט פארשפרייט אין געוויסע יידישע קרייזן. אויך דאס יידישע טעאַטער האט דעמאלט געשפילט א גרויסע ראלע אויף יידישער גאס מיט פאראינטערעסירן די ברייטע מאסן אויפן יידישן געביט.

דעמאלט האט זיך אויך געצויגן א גרויסער עמיגראציע־שטראם אין מערב־אייראפע, קיין לאנדאן, פאריז, בעלגיען, האלאנד און איבערהויפּט אין די אמעריקאנער לענדער אריין. די רינגען פון דער גאלדענער קייט, יידיש לשון, יידישע קולטור און יידישע טראדיציעס, האבן גורם געווען אלעמען צוזאמענצוהאלטן אין די נייע ישובים, וואו מען האט פארטגעזעצט די אייגענע קול־

טורעלע טעטיקייטן אויף מערערע געביטן, ווי פרעסע, טעאטער, טאג־שולן, און אזוי ווייטער. אויך דא אין ענגלאנד, באזונדערס אין לאנדאן, איז געווען א גרויסע, פארצווייגטע טעטיקייט, וואס איז א רייך קאפיטל אן און פאר זיך. אט־א דער גאלדענער פאדים ציט זיך נאך אין אלע יידישע ישובים אין דער גארער וועלט.

געוויס האט זיך פיל געענדערט, איבערהויפט נאך דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען דער שורש פון מזרח־אייראפעאישן יידנטום איז פארניכטעט געווארן מיטן אומקום פון זעקס מיליאן קדושים. דאס האט צעבראכן דאס גייסטיק־קולטורעלע און טראדיציאנעלע יידישע לעבן. דערצו איז נאך צוגעקומען דער גרויסער פארלוסט פונם סאוויעטישן יידנטום, וואס צוליב פאליטישע מאנעווורעס ווערט דאס יידישע גייסטיק־קולטורעלע לעבן דארט כמעט צעשטערט און אפגעריסן פונם וועלט־יידנטום בכלל . . .

דאך האבן זיך מיט דער צייט באוויזן סימנים פון יידיש־קולטורעלע אויפלעבונג אין פארשידענע וועלט־טיילן, ווי אין אויסטראליען, אפריקע, איבערהויפט אין די אמעריקאנער לענדער, ווי ארגענטינען און אנדערש־וואו. אויך אין סאוויעט־רוסלאנד ווייזט זיך איצט א בעסערונג אויפן יידיש־קולטורעלן געביט.

באזונדערס מיט דער אנטשטייאונג פון מדינת־ישראל איז אויך דארט, מיט גרויס מסירת־נפש, אנטשטאנען א פארצווייגטע גייסטיק־קולטורעלע טעטיקייט אויפן געביט פון יידיש־לשון, פרעסע, טעאטער און ארגאניזאציעס. דער כוח פון יידיש־לשון איז אלץ נאך די וואס פירט צו פארשטענדיקונג פונם יידישן פאלק סאי אין מדינת־ישראל סאי אין חוץ־לארץ: דאס האבן שוין איצט איינגעזען אסך פון די פארביסענע קעגנער פונם יידישן לשון!

ליידער איז דאס אין לאנדאן, און אין ענגלאנד בכלל, א באזונדערס טרויריק קאפיטל. ביז צו דער לעצטער וועלט־מלחמה איז דא געווען א שפרודלדיק יידיש קולטורעל לעבן. צום גרויסן באדויערן איז איצט דא געווארן א גרויסע פאסיווקייט צו דער יידישער קולטור. נישטא אפילו אין איצטיקן מזרח־אייראפע און נישט אין פראנקרייך, מערקט זיך אזא גלייכגילטיקייט ווי ביי אונז דא אין לאנדאן.

עס איז וויכטיק דא צו דערמאנען, ביי דער צוואנציק־יעריקער טעטיקייט, אז אויך נאך דער מלחמה האט דער פאריין „פריינט פון יידיש־לשון" אנגעפירט א פארצווייגטע קולטור־טעטיקייט, מיט די „יידיש־ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס" און רעפעראטן איבער פארשידענע יידישע פראבלעמען, נישט בלויז אין לאנדאן, נאר אויך אין מאנטשעסטער, ליעדז און אין אנדערע ערטער.

מיט גרויס שוועריקייט האלט זיך איצט דא קוים נאך א וועכנטלעכע יידישע צייטונג, „די יידישע שטימע", און א חודשלעכער זשורנאל „לשון און לעבן". פון יידיש טעאטער איז שוין כמעט נישטא פיל צו רעדן. דאס ברענגט דעם יידישן ישוב דא גרויס שאדן. ביי די גרעסטע אנשטרענגונגען פון די פארשידענע רעליגיעזע און פארטייאישע ריכטונגען זיך צוצופאסן צו דער ענגלישער שפראך, גייט דאך די יידישע יוגנט גרעסטנטיילס אוועק אויף



אסימילאטארישע וועגן. מען שעמט זיך פשוט מיט יידיש. אפילו די מערסטע אזוי־גערופענע פרא־יידישיסטן היטן זיך ווי ווייט מעגלעך ביי עפנטלעכע פאראנשטאלטונגען צו באנוצן וואס ווייניקער מיט יידיש־לשון, הגם מען ברענגט דערמיט א גרויסן קרבן! . . .

עס פרעגט זיך אומפארטייאיש צי קאן מען פראטעסטירן קעגן די רעפרעסיעס אויף דער יידישער קולטור אין סאוויעט־רוסלאנד און גלייכצייטיק דא, דירעקט און אומדירעקט, אליין עס באקעמפן? מען דערשטיקט דאך אליין דא דעם פארלאנג פאר יידיש! . . .

דערפאר ליגט א חוב אויף אלע פארטייען און קרייזן, וואס מיינען באמת וואס זיי זאגן, זיך צו פאראייניקן און עפעס אויפטוען אויף דעם געביט. מען טאר נישט בלייבן הינטערשטעליק לגבי אנדערע לענדער, ווייל נאך אלעם איז אונזער ישוב דא צו אונזער גליק געבליבן פיזיש א גאנצער; נישט ווי אין מזרח־אייראפע, וואו אלץ איז חרוב געווארן. מיר האבן נאך דא גענוג גייסטיקע כחות סאי אויפן ליטערארישן־קולטורעלן און טעאטראלן געביט סאי אין די נאציאנאלע און רעליגיעזע קרייזן. מיר האבן דא א ייוו"א, א זשורנאליסטן־פאריין, „פריינט פון יידיש־לשון", ארבעטער־רינג, יידישע קולטור־געזעלשאפט, רעליגיעזע קרייזן, א פעדערײשאן, אויך פארטייען, ווי פועלי־ציון, בונד און אנדערע גרופן. אט די אלע, וואס פירן אן קולטור־טעטיקייטן, דארפן זיך ערנסט פארטראכטן דערוועגן און נישט בלויז אפקומען מיט קאנפערענצן, כדי יוצא צו זיין מיט קליינע אונטערנעמונגען אמאל דא און דארט.

מיר האבן א רייכהאלטיקע יידישע ליטעראטור, אנהויבנדיק מיט מענדעלען, פרץ, שלום־עליכם ביז צו דער לעצטער פלעיאדע פון גוטע יידישע שרייבער. מען מוז געפינען א וועג צו געווינען פאר דעם צוועק דעם ראדיא און טעלעוויזשן מיט א וועכנטלעכן פראגראם אין יידיש־לשון, ווי עס ווערט געטון אין אמעריקע און אין מדינת־ישראל און אויך איצט שוין אין פראנקרייך און אין אנדערע לענדער. מיר האבן זיך, חלילה, גארנישט צו שעמען פאר די נישט־יידן. מיר האבן אין ענגלאנד אייניקע הונדערט טויזנט יידן — כן ירבו! — וועלכע הערן זיך צו צום ראדיא און טעלעוויזשן. זיי וועלן אזעלכעס אויפנעמען מיט פרייד, ווייל עס איז אייגנס . . .

דאס וועט נישט זיין קיין ברכה לבטלה, נאר להיפך עס וועט ברענגען א גייסטיק־קולטורעלע אויפלעבונג מיט גוטע קאנסעקווענצן ביי די ברייטע יידישע קרייז. אזא פאראייניקטער כוח קאן זיין א גוטער אנהויב פאר ווייטערדיקע וויכטיקע ארבעטן, וואס וועלן ברענגען א גרויס געווין אויפן קולטורעלן געביט בכלל אין אונזער ישוב דא אין ענגלאנד.

## ווערט א מיטגליד פון „פריינט פון יידיש־לשון"

## א. נ. שטענצל

# גזע און ירושה

(המשך פונם קאפיטל)

צו שרייבן איבערן געבוירן אָרט איז לייכט איז גרינג, עס זינגט אַרויס פון דיר; ברויכסט גאָר נישט צו וויסן, עס ליגט אין דיר, עס יויערט אין דיר, עס גייט וואַרעם אויף; די וואָרצלען שטעקן טיף אין דער ערד, די צווייגן גייען אויף אין דער זון, עס ווערט אָנגעזאַפּט, עס ווערט צייטיק און עס פאַלט שווער אַראָפּ — קיילעכדיק און זאַפטיק און רויט און ווען אפילו אַווערעמדיקס און אַ פוילס . . .

מיט דער מאַמעס מילך זייגסט דו עס אין דיר איין, מיטן טאַטנס אַ וויכן בליק, מיט דער שווערקייט פון דער שטוב, אַ בעלקע אין באַלטן, אַ באַלויכטענער וואַכט איבער דיין קאָפּ, דער פריש אויסגעשיטער זאַמד רעדט צו דיר מיט יעדן קריץ; לאַכסט צו דיר, מאַכסט סמנים מיט די הענטלעך, צו דער קאַץ, צו אַ פליג; הייבסט אָן צו רעדן צו דיר — דיין אויגן לשון, דיין אויגן לשון . . .

מיטן ערשטן טריט, אויף אַלע פיר נאָך! דו דערשפירסט ערד אונטער דיר, די באַוועגנדיקע וואָרצלען, ווי פלאַסטן איינס אויפן אַנדערן, ווי פאַרשטיינטע וועלדער, יעדעס שטויבעלע אַטעמסט דו איין, דער טשאַד לייגט זיך אויפן האַרץ, דער פריסעק גליט אונטער די פיס . . .

אַז דו דערזעסט דעם בערג, די גרינע לאַנק איבערן טייך, שפרינגסט דו מיט יעדן קאָזעלע, מיטן לאַשעקל, מיט יעדן שפרינג־פעדל מיט יעדער גריל, זינגסט מיט די פייגל, שטרעקסט די הענטלעך צו דער זון און עס זי מיט די אויפגעריסענע אויגן . . . ערשט מיטן נאַכט, וואַכסט אויף, לבנה קוקט אַריין, און דו לאַכסט צו איר ווי צו אַן אייגענעם . . .

איין וואָרט בלייבט שטעקן אין קאָפּ און ס׳שפינט זיך גאַנצענע מעשיות, אַ ציטער אין נאָז, אַ צוק אין שפיץ־צונג און דיין גאַנצע קינדהייט שטייט דיר פאַר די אויגן, און דיין גאַנצע יוגנט צעוואַקסט זיך — מיטן שטיקעלע ערד אויף וועלכן דו ביזט געבוירן אָטעמסט דו דיין גאַנץ לעבן . . .

ווען מיר האָבן זיך געצויגן נאָך טשעסטאָכאָוו בין איך געווען אַ בחור פון 16 יאָר, אַ ציטערדיק געשפאַנטע צווייג, אָפּגעבראָכן אינמיטן וואַקסן. איך האָב געקוקט מיט מיינע גרויסע צעקנאָספּעטע אויגן און גאָר נישט פאַרשטאַנען — אַ פרעמדער אַרום און אַרום! אַנדערע מענטשן, אַנדערע יידן — פון אַנדערן האַלץ געשניטן״ . . . אַזעלכע שטייפלעכעכע . . .

אפילו די טשעסטאָכאָוו־משפחה! עפעס קוקן זיי אַלע אַזוי קלוג אויף דיר, אַזוי גלאַט, אַזוי גראַד, אפילו די מומע גיטל און דוד . . . זיי פאָרן זיך אין שטוב, זיי שטעלן אויס די זאַכן, איך וויל אים צו העלפן, אָבער אַלץ קומט אַרויס פידראָך, מיט דער פיטער אַראָפּ . . . די מומע גיטל וואָס איז אָנגעקומען מיט אַ פולע שאַרץ, האָט שוין אָפּגעקאָכט קאַווע, די טעפּעלעך שטייען שוין אָנגעגאָסן אין קיך אויפן טיש, מיט סמעטענע, אַ טיט מיט אייער־בייגל ליגן אויפן נאַקעטן נייעם טיש. איך קוק אויף דער מאַמען, זי זיצט ווי אַ פרעמדע, אין אַ פרעמדער שטוב, און ווו מיין אויג פאַלט אַלץ אַזוי פרעמד, אַזוי שפיגל ניי,



ווו מיין בליק פאַלט געפינט ער קיין מנוחה, שפרינגט אָפּ ווי אַן אָפּגעבריטער.

דער טאַטע דערכאַפּט מיין ווילד־צעדרייטן בליק, גיט אַ קוק אויף דער מאַמען און רעדט צו דער מומע גיטל, „אַז די שענק וועל נאָר אָנקומען, די ספרים שענק מיט די ספרים״ . . . ער גיט אַ וואַרעם בליק אויף דער מאַמען, „כ׳מיין אויך דיין וועש־שענקל, וועסט קאָנען אויסלייגן אַלץ״. ער האָט דערשפירט אין נאָז דעם ריח פון די עפל, וואָס די מאַמע פלעגט לייגן צווישן די וועש. זיין טאָן אין האַלדז איז געוואָרן ווייכער און געוואָלט ווייטער ציען, אָבער ער האָט דערזען, אַז די רייד זענען אַרויסגעוואָרפן, האָט זיך מיט אַמאָל, ווי פון הימל אַראָפּ באַוויזן אויף זיין באָרד, אין זיינע אויגן, זיין הלצה־שמייכעלע, געגעבן אַ שאָקל מיט איין פלייצע ווי ער וואָלט „געלייגט קלאַפּטער״ זיך באַדנדיק, טאַקע דאָ אין זיין טשעסטאָכאָווער זשיקע, אין דער ברייטער רוישיקער וואַרטע: „ווייסט, דוד, מ׳וועט די חברה אָוועקשיקן, און זיך נעמען צו דער אַרבעט, כ׳זע דאָך, מיט אים וועסט צו נישט אויפשטעלן די בעטן, וועט אַריין אין איין זייט, וועט אַרויספאַלן פון דער אַנדערער זייט״, און צו מיר:

„אברהם נחום, גיי דאָך אין בית מדרש אַריין וועסט שוין דאָרט געפינען חברים און אַז דו וועסט וועלן — אַ גמרא. די אַלטע יידן וועלן דיר אפילו אָנווייזן דאָס אָרט ווי איך בין געזעסן״. אָנגעהויבן האָט ער מיט אַ טאָן, ווי צו איינעם, וואָס מ׳וויל פון אים פטור ווערן און איסגעלאָזט מיט אַ וואַרעמע ליבלעכקייט, ווי די ווערטער וואָלט זיך געטובלט אין טרערן: „גוטל, ווייסט ער זעט דאָך אינגאַנצן אויס, ווי אונזער טאַטע זכר צדיק לברכה״ און גענומען מיר אויסצומשלען דעם גלייכסטן וועג אין בית־מדרש אַריין, אַז כ׳זאָל מיך נישט פאַרפּלאָנטערן צווישן די געסלעך, אָבער זיינע ווערטער האָבן נישט נאָר אויסגעמשלט, זיי זיינען אויך געווען ווי אַ מין משל מיך אַרויסצופּלאָנטערן אין מיין נייער סיטואַציע: „זעסט אין טשענסטאָכאָוו גייט מען תמיד מיט דעם דרך: „רבי אומר איזה דרך ישרה, אין אונזער שטאָט, אין טשענסטאָכאָוו מוז מען קענען זיין צו גאָט און צו לייט — דאָס איז טשענסטאָכאָוו״. האָט ער אויסגעלאָזן מיט אַ זיפץ מיך שאַרף אָנקוקנדיק, און ווי מיר האָט זיך געדאַכט ווי זיך איבערגעוווּנקן מיט דער מומע גיטל . . .

דער וועג אין געווען אַ פשוטער; מיר האָבן געוווינט אין ערשטן הויז פון דער קרוטקער גאַס, אַריבער איבער דער וואַשעווער, אויף דער ראַגאַטקע, אַריין אין דער נאַדזשעצנע.

אַז איך בין אַרויסגעקומען אויף דער ראָגאַטקע בין איך אינגאַנצן פרעטשמעליעט געוואָרן, עס איז געווען אַ זומער נאָכמיטאָג נאָכן מאַרק. די פוירישע וועגעלעך וואָס זיינען אין דער פרי אָנגעקומען מיט קאַרטאָפל, מיט מערן, מיט צוויקל, מיט הינער און קאַטשקעס, מיט אייער, זיינען איצט פול געווען מיט איינגעקויפטע זאַכן, האָט געשמעקט מיט נאַפט, מיט דזשעגעכץ, מיט סמאַרוועדלע, מיט פרישן פערד־מיסט, מיט פריש האָלץ, פיס פון בענקלעך, פון טישן, פון בעטן האָבן אַרויסגעשטאַרטשעט פון די וועגעלעך.

באַבעס זיצנדיק אויף די געזעסער, ווי קוואָקעס אויף די אייער האָבן זיך געקריגט מיט האַלב באַשנאַשקעטע וואַקלדיקע און שעלנדיקע פויערים.

קוים מיך אַדורגעשטופּט, דורך די האַלב אײַנגעשפּאַנטע פערד און וועגעלעך, קומט ערשט דאָס אמת געוויש: ייִנגלעך אָנגעטון גויאיש טומלען אויף יידיש, מען שפּילט פּאַלאַנט, פּיאָלקעס, יאָגערלעך. דערזעענדיק מיך, מיט די צעגלאָצטע אויגן און צעפּלאָשעטע פּאות, אין סאַמעטענעם הוט און צייגענעם כאַלאַטל איז געוואָרן א געשריי: „זעט נאָר א טערעק, אַן אינדיאַנער"... „טערעק", „אינדיוויאַנער", אנאכגעלויף ווי נאָך א בייז־ווונדער... כאָטש נעם און שריי מיט . . . אז איך האָב מיך געכאַפּט אז מ'מיינט עס מיך, האָב איך מיך געלאָזט לויפן, ווו די אויגן האָבן מיך געטראָגן, אז כ'האָב שוין נישט געווּסט אויף וועלכער וועלט בין, אַלע געסלעך האָבן זיך מיך פאַרפּלאָנטערט און לייענען זייערע נעמען, אז כ'זאָל וויסן וועלכעס ס'איז די באַהזשעצנע, האָב איך אויך נישט געקענט — א בחור פון 16 יאָר!

פאַר א גרויס אָפן טויער בין איך געבליבן שטיין, דער שאַרפער־טעמפּער געוויש וואָס איז פון דאָרטן אַרויסגעקומען, אַזא מאָדנער און נאָך מער דער ריח. אויך אַזא שאַרפער און טעמפּער. א ייִד דרייט מיט א פּיס רעדל און אין האַנט א פּיסל פון א בענקל און לאַכט צו מיר, עס שפּריצט אים פון די אויגן דאָס געלעכטערל, ווי די סטרושקעס, דאָס היבלעווּעכץ פון דער טאָקער־מאַשין: „קום אריין בחור, דאָ לערנט מען תורה, בזעת עפּך תאכל לחם, מען שוויצט".

כ'בין שוין געווען גרייט אַריינצוגיין, קומט ארויס פון טויער א ייִד, ריין עלעגאַנט, יידישלעך אָנגעטון מיט א ווייס־געשוירן בערדל: „מ'שטעלט זיך אנידער איינטענען מיט דעם לץ דאָ? א בחור מיט אַזעלכע פּאות? . . . „כ'האָב דעם ייִד אנגעקוקט מיט א פּאָר גרויס־געעפנטע אויגן, די „אַזעלכע" האָבן מיר געקלינגען אין אויער מיט דער נאָכגעשריי „טערעק", „אינדיאַנער" . . .

„וואָס קוקסט דו מיך אָן מיט אַזעלכע קעלבערנע? מיין ווייס־בערדל געפעלט דיר נישט אפנים? ביזט נישט קיין טשענסטאָכאָווער זעסט אויס . . . האָסט כאָטש שוין אַלע טעג?"

אז די זאַך איז שוין געגאַנגען אין גדולות, האָב איך דווקא אָנגעהויבן צופילן אז איך בין דווקא יאָ א טשענסטאָכאָווער, און כ'האָב מיט גאַנצן זיכערקייט און מיט שטאָלץ אַ זאָג געטון: „איך בין א טשענסטאָכאָווער איניקל".

„זע נאָר א טשענסטאָכאָווער איניקל, און איך זאָל דיך נישט דערקענען"? אים, דעם תושב, איז געפעלן געוואָרן מיין יחוסן זיך מיט זיין שטאָט: „געב נאָר א קוק אינגאַנצן ווי דער טאַטע, בעריִשל אויסן אויג . . . דאָס עפּעלע פאַלט נישט וויַיט פון בוים" איז זיין קול געוואָרן וואַרעם און זיינע שפּיציקע אויגן און אויך דאָס פאַרשפּיצטע ווייסע בערדעלע זיינען געוואָרן ווי ווייכער: „ר' שלמה דיינס איניקל, איי ר' שלמה דיין זכר צדיק לברכה, דאָס איז דאָך געווען צו גאָט און צו לייט . . . די גוים פלעגן דאָך פאַר אים קניען ווען ער האָט זיך באַוויזן אין גאַס . . .איי איי בעריִשל א בחורל, בעריִשל, בעריִשל" . . .

אָנגעקומען פאַר דער שול איז דער ייִד שנעל אַריין און מיך געלאָזט שטיין מיט זיין ווייס־פאַרשוירן בערדל, עס האָט גאַנץ אויסגעזען ווי בעריש הערציקערס פון דער ברויערײַ . . . שוין אַ היינט־וועלטיקער, דאָס ווייב האָט שוין



געטראָגן אייגענע האָר ווי מ'האָט געשמועסט —

אין דער חסידים־שטוב אויף דער יאָרצייט, איז ער תמיד געזעסן מיטן טאַטן: „דער זיידע האָט שטאַרק מקפיד געווען, מ'זאָל אים רופן בעריש, מסתם זייט ער איז געוואָרן א מחותן מיט ר' בער ראַדישיצער דער סבא קדושה זכותו יגן עלינו" און דאָ האָט זיך געצויגן א גאַנצע מעשה" און דער טאַטע האָט הנאה פון דערציילן, א זופּ פונם שוימיקן גלעזל ביר און ווייטער דערציילט:

„ווייסט בעריִשל, דיין ביר איז שאַרפלעך, ס'איז „באור חמץ", און דאָ איז ווידער געקומען א מעשה. די גאַנצע חסידים שטוב איז שטיל ווי אַן אויער, די הונדערטער איניקלעך, וואָס צווישן זיי געפינען זיך זיכער א צוויי שאָק בערישלעך שטעלן מויל און אייערן:

... דער זיידע מיט זיין גאַנצער געגנערישקייט צו פּילפּול, האָט זיין איינגעבוירענע נטיה נישט געקענט איבערקומען... מאַטעסדאָרף? „אַלע טאָג פאַוואַזישע"! זייט ער איז צוגעשטאַנען צו דער חבריה, איז דער פּוילישער פּילפּול אים נאָך טייערער געוואָרן; די חדישים זענען געוואָרן חד וחלק בגליפונדיק, זיי האָבן אים פון מויל אַראָפּגעטאַנצט . . . אַלע יאָר אז ס'איז געקומען ערב פּסח האָט ער זיינע כתבים מבער געווען צוזאַם מיטן חמץ: „דברים שבכתב אי אתה רשאי לאומר בעל־פה", איז ער געשטאַנען טרויעריק איינגעבויגן איבערן פייער און טרערן האָבן אים גערונען פון די אויגן . . .

תמיד האָט דער טאַטע אויסגעלאָזן די דאָזיקע לאַנג־געצויגענע מעשה מיט די ווערטער: „דער זיידע וואָלט מיין טאַטן ליב געהאַט, ער איז געווען א פּשטן . . . ר' שלמה דיין, איז געווען א טשעסטעכעווער, (דאָס וואָרט טשעסטעכעוו האָט ער יחוסדיק מטעים געווען). א גלייכער גראָדער מענטש . . . קיין וואָרט נישט צוגעלייגט און נישט אראָפּגענומען... נישט נאָר אין לערנען... און האָט ער מחדש געווען, האָט ער עס אריינגעלייגט אין וואָרט אריין".

איך בין שוין אין בית מדרש נישט אריינגעגאַנגען, כ'בין שטיינגעבליבן אויפן האַלצענעם בריקל וואָס פירט צום בית־חיים. כ'האָב עס געקענט נאָך אַלץ קינד, ווען כ'בין מיטגעקומען מיטן טאַטן אויף קבר־אבות: מ'דרייט זיך אויס מיט דער רעכטער האַנט און מ'גייט מיט די בערגלדיקע לאַנקעס; די זון גליט און מיר גייען פאַמעלעך, דער פעטער ראובן אבא, די מומע גיטל, דער פעטער הערשל, דער פעטער שעיה, די מומע שרה, דעם רבי ר' בערס, דעם סבא קדושא'ס איניקל; מיר גייען פאַמעלעך, מיר שטעלן זיך, מיר זעצן אנידער אויף א גראָזיק בערגל און דער טאַטע דערציילט — — —

איך שטיי געבויגן איבערן פאָרענטש פונם בריקל און קוק אין לויפנדיקן וואַסער אריין, א גאַנץ אַנדערע ווי אונזער טשעלעדזער דזיקע, שנעל לויפנדיקער, און ווי לויטער קלאָר — א קריסטאַל געשליפענער שפּיגל.

איך שטיי געבויגן איבערן בריק און ווי איך וואָלט מיט די שנעלע כוואַלעס מיטגעלאָפן, ווי אין מיין קאָפּ וואָלט ס'מיט געלאָפן ווילד, אַזוי שנעל, אַזוי... אַזוי קולאָר, לויטער — — —

ניין, נישט איך שטיי איבערן וואַסער, מיין טאַטנס פּנים שפּיגלט אין די כוואַלעס, „אינגאַנצן ווי דער טאַטע" . . . „בעריִשל אויסן אויג" . . . דאָס

עפעלע פאַלט נישט ווייט בון בוים״ . . . „צו גאט און צו לייט״ . . . דאָס וואַסער קילט מיר דאס פנים, די פאות פלאַשן זיך מיר . . . עס פלאַפלט . . . עס רייסט זיך איבער, עס שטעלט זיך צוריק צוזאם —

— נאכן טויט פון זיידן, די קינדער זיינע האבן זיך פארשפרייט זה בכה וזה בכה . . . איז די מאמע צוריקגעפארן קיין ראדאשיץ, אבער דעם זעלבן יאר נאך איז איר מאן נפטר געווארן . . . דאס לאזט זיך אויס פון מחלוקות, אפילו ווען זיי זיינען לשם שמים . . . האט דער „תפארת שלמה״ זי אריינגענומען צו זיך מיט אירע צוויי יתומים . . . עס האט זי קיינער, חלילה, נישט געיאגט פון ראדאשיצער הויף, נאר זי האט זיך דארט קיין ארט נישט געפונען . . . זי איז דאך אליין א קינד נאך, א יתומה.

אין ראדאמסק האט זי זיך געפונען אין דער היים . . . זי איז געווען זער א קלוגע . . . אין ראדאמסק האט מען נישט געוויזן קיין מופתים, אבער וואונדערלעכע מעשיות, ווילדע המצאות, אזעלכע מאדנע, פריילעכע, איז תמיד דארטן געשעען. אין ראדאמסק האט מען נישט געפיפקעט קיין פייקעס און זיך נישט געהאלטן אין איין מיכענען . . . אין ראדאמסק האט מען געהאַל מער פון זריזות ווי פון „נקיות״ . . . נאר נישט קיין לאנגע עסקים. איבער געמישט דאס בלאט און ווייטער געלערנט. נאר נישט מאכן קיין שיהות . . . „שיהוי״ איז איינס פון די חמשה טריפות! אָ, דער כשרער ראַדאָמסקער ניגון . . .

און אין איינעם א קורצן פרייטאג, ווען אלץ ברענט אין די הענט, קומט דער שמש אריין אין קיך און זאגט צו דער רביצין:

— דער רבי וויל זעען אסתרלען.

די ווייבער קוקן זיך איבער:

— האט ער אפשר ווידער א טענה מכוח די גענז, זיי האבן נישט גענוג צו עסן, צו טרונקען, צער בעלי חיים דאוריתא?

אסתרל וויל גיין א קוק טון צי ס׳איז דא גענוג וואסער אין עופות־שטייג, אבער דער שמש איז מזרז:

— דער רבי ווארט, און די מאמע איז אריינגעגאנגען אין דער שלום־שטוב.

אן שהיות איז דער תפארת שלמה צו איר צוגעגאנגען:

— זעסט, אסתרל, דאס איז ר׳ שלמה דיין פון טשעסטעכעוו. ער איז א אלמן מיט פינף קינדער. ער איז מאנשי שלומינו, ער ברויך אן עקרת־הבית. צו דער תורה ברויך מען מנוחת הגוף און מנוחת הנפש. האב איך געטראכט . . .

פאר איר איז געשטאנען הויכער, גלייכער ייד, משכמו ולמעלה, מיט א טרויעריק־פארטראכט שיינעם הדרת פנים! זי איז רויט געווארן און אראפגעלאזן די אויגן . . .

דער „תפארת שלמה״ איז געווארן מלא שמחה. מעשה מחותן האט ער אויפגעפראלט די טיר:

— רביצין, שיק אריין בראנפן מיט לעקעך! ער האט פארשטאנען, אז זי שטייט הינטער דער טיר, נאכלויפנדיק אסתרלען צו באשיצן, אז ער וועט ווידער ארויס מיט זיינע געשרייען, ווי זיין שטייגער איז אין די קורצע פרייטאגס. און אז אלץ איז שוין גוט, שפייז גענוג, וואסער גענוג, גוט אויסגע־



ריי׳ניקט און פריש שטרוי אויסגעבעט, וועט ער ערשט אויפרייסן די שטייג מיט א געשריי:

— האלטן עופות ווי אין א תפיסה, צער בעלי־חיים מדאוריתא . . .

— איך מוז שוין זיינע מעשיות . . . די קלוגע אסתרל, אלע זיינע משוגעתן זענען ביי איר קודש־קדשים . . . די נשמה וועט דאך איר אויסגיין, חלילה.

הא, דו שטייסט דא? כ׳האב פארשטאנען, אז ווילסט זי באהיטן פונם היצעל, — צעלאכט ער זיך, ווען ער דערזעט די רביצין מיט אירע הארכנדיקע, דערשראקענע אויגן. — ס׳וועט זיין היינט א שמחה ביי אונז, א פרייטאגדיקע שמחה, יום שנכפל בו כי טוב . . . זי איז א בת תלמיד־חכם, די טאכטער פון מיין ידיד נאמן ר׳ בעריש בענדינער, זכר צדיק לברכה . . . תשובת המשקל האט אויך זיין שכר משקל! דער ר׳ שלמה איז א גלייכער ייד אין אלע זיינע מעשים און געדאנקען!

ווען די רביצין האט אריינגעברענגט „לחיים״ און לעקעך צום פארבייסן, זיינען די צוויי געשטאנען אליין. די פארלעגנהייט איז פון אסתרלס פנים אראפ, זי האט זיך צוגעהערט צו די געלאסענע רייד פונם טשענסטאכאווער דיין. ער האט איר דערציילט, אז ער האט געקענט איר פאטער, זכר צדיק לברכה, דעם רב הגליל פונם גליל־זאגלעמביע. ער איז געווען א גדול בישראל און געהאט א גלייכן שכל . . . ער, ווי דער טשענסטאכאווער דיין, איז געווען איינער פון די בוררים ביי דער גרויסער דין־תורה אין פיעטריקאוו, וואו איר טאטער, זכר צדיק לברכה, איז געווען דער ראש פון בית־דין —

די רביצין, ווען זי האט זיי געזעען אזוי שטיין אליין אין א שטוב, האט זיך דערשראקן פאר „איסור יחוד״ און א גלעזל איז איר ארויסגעפאלן פון דער האנט.

— מזל טוב, מזל טוב! — האט זיך דערהערט דעם „תפארת שלמה׳ס״ פריילעך קול, שטייענדיק אין דער טיר שוין אין הויכן, שבתדיקן שטריימל און אין דער שבתדיקער קאפאטע. ער איז שוין געווען גאנץ אין זיין חדווהדיק צעשפילטער הלצה־ראלע ווען א גרויסע פרייד און א פלינקער אנטשלוס פון גרויסן ערנסט איז אים איבערפאלן:

— שמואל, ברענג אריין די חופה. איך בין נאך רב פון ראדאמסק, נישט נאר דער גענז־פאסטוך, וואס ר׳משהלע האט אייך דא געלאזן! גיך, זיי דיך מזרז, רוף אריין א זיבן יידן, וואס גייען פון דער מקווה. נקיות, ריינקייט, מביא לידי זריזות! מזומן איז דא, און א גוטער „קערן״ פון ביידע צדדים.

דער שמש איז שנעל ארויס, געציטערט, געברענט, א שרף וואס פליט צו טון זיין שליחות. ס׳איז היינט קורץ־פרייטאג.

דער „תפארת שלמה״ האט מיט א שנעלן בליק דערזעען די ווירקונג פון זיין אנטשלוס און נחתדיק מחותנדיק זיך געגלעט ביי דער באָרד: דער אלטער אלמן, דער למדן און א מרא דאתרא פון א שטאט טשענסטאכאוו, און די קלוגע אסתרל, די יינגע אלמנה פונם ראדאשיצער הויף, וואס ער האט פון איר שכל שטארק געהאלטן, זיינען געשטאנען ווי צוויי פארלוירענע קינדער זיך כאָטש אנצונעמען פאר די הענט . . . די רביצין איז שוין געשטאנען, א

מאמע פאר חופה־שטעלן, מיט אן אראפגעלאזטן קאפ גרייט צום אויפוויינען: זי האט שוין גאר נישט געקענט טראכטן, זי האט ווייבעריש און מאמעדיק געקענט נאך מורמלען:

— אין א מזלדיקער שעה, אין א מזלדיקער שעה!

— וואס מיינט עך, ביי דער בריאה מענטש גייט נישט אן די מצווה פון צער „בעלי־חיים"... — און אין זיינע אויגן האבן זיך געשטעלט גרויסע טרערן: — אזויווי ס'איז פאראן א תשובת המשקל און א שכר המשקל, אזוי איז אויך פאראן א תיקון המשקל . . . געדענקסט אין בענדין יענעם שבת, ווען כ'בין געקומען פון דער מקווה און דיין טאטע, מיין ידיד נאמן, איז געפאלן אין חלשות, קוים מ'האט אים אויפגעמינטערט? . . . — דעם תפארת שלמהס אויגן האבן געלויכטן און טרערן האבן געבליצט ווי פינקלדיקע בריליאנטן: — רביצין,ביים טיש וועסטו זיצן היינט מיט אסתרלען, און ער וועט זיך ציען ביז כאור הבוקר. הייס אויפשליסן דעם ווילן־קעלער. היינט ווער דער גבאי אויסרופן: „יין כיד המלך שטעלט שלמה, ראדאמסקער!" ס'וועט היינט זיין א רבנישע חתונה, און כאור הבוקר וועסטו פירן די כלה אין מקווה אריין... „יובא העגל ויקנה את הפרה" . . . מחותן בענדינער רב, אייביק איז דאָ אן עגל און אייביק איז דא א דיבור, א „לפי המדיבור" — דער דרך העולם, דער גרויסער דרך גייט ווייַלער".

מ'קאן זיך פארשטעלן וואס אין ראדאמסק האט זיך יענעם שבת אפגעטון. ס'איז פונקט געווען שבת־חנוכה, און א האלבע אלטע ראנדע איז געווען דעמאלט אין ראדאמסק. זייער דיין איז געפארן, זיינען אלע יינגעלייט מיטגעפארן. זיי זיינען ממש ארויס פון די כלים! וויין האט זיך געגאָסן ווי וואסער, מ'האט געטראקן פון די פלאַשן „פא־קאזאצקעמו" און געהאָליעט ביזן העל טאָג אַריין.

„— יעצט ווייסטו שוין פארוואס די אלטע ראנדע הייסט „דאס קאזאצקע שטיבל"?

דער טאטע האט תמיד געשמייכלט זיין ראדאמסקער הלצה־שמייכעלע ווען ער האט געפונען דעם ריכטיקן פסוק אויסצולאזן א וואריאציע פון זיינס א דערציילן. וואס מער צויטן פון זיינס א מעשה ס'האט ארומגעהאנגען, אלץ שענער איז זי געווען, ווי א חסידישע אטלאסענע קאפאטע . . .
זיידן־צונויפגעוועבט פון פעדעם פון צויטן־פאנטאזיעס, דאס איז שוין איש מפי

דאס ווייטערע איז שוין נישט צונויפגעהאפטן פון זיידע־וואריאציעס, צי איש, כמעט מלה במלה פון טאטנס מויל אליין געהערט. און דערפאר זע איך אים, נישט בלויז דעם טאטן, איך זע אים דעם הויף אין א הייסער זון ליגנדיק, וואו דער טאטע האט זיך אויף אים, אן אכט יאריק יינגל, געשפילט מיט אנדערע חדר־יינגלעך, ווייל ס'איז געווען ערב תשעה באב נאך צוועלף, ווען מ'טאר שוין נישט לערנען; איך זע דעם טשענסטאכאווער זיידנס הויף, וועלכן איך האב קיינמאל נישט געזען, און זע אויך גלייכצייטיק די הייס־זוניקע ערב תשעה־באבדיקע יארצייט: דער ווייבערשער מין פון אונזער גרויסער טשענסטאכאווער משפחה און סתם עלטערע פרויען און באַיאָרטע בעלי־בתים שטייען נאך ארום



דעם אלט־איינגעפאלענעם מצבה־שטיין, א גרין־פארזשאווערטן און א גרייז־גרוי־פארוואקסענעם פון מאך און פון שימל, און זאגן מיט ווייבעריש־וויינענדיקן מענה־לשון תחינות און אייגענע פארפאסטע וויינענדיקע תפילות און בקשות, און דער טאטע שפאצירט שוין מיט מיר, אן אפאטעמדיקער, ווי א יינגל פון חדר א באפרייטער; ער שפאצירט מיט מיר אזוי צעלאזן און צוגעלאזן אויפן זון־צעגליטן, רחבותדיקן בית־החיים אין טשענסטאכאוו —

מיר גייען ארויס פון דעם פארקזשאקעוועטן, ווילד־גראז באוואקסענעם דזשונגל פון אלטע, הונדערט־יעריקע מצבות און מצבהלעך אויף דער אלעע — נישט נאר די שטאט, אויך דאס בית־החיים האט שוין געהאט אן ערשטע, א צווייטע און א דריטע אלעע, א ביימער־באשאטנטע און מיט בלומען־בייטן באפלאסטערטע, — און באוואונדערנדיק די גרויסע מצבות פון שווארצן גראניט און אלאבאסטער מארמער, גייען מיר פארביי א ברייטע מירמלשטיין־מצבה מיט גאלדענע אותיות צעגלאנצטע און שטראלנדיק־צעשריגענע אין דער זון, „יעקב מאיר שטענצעל", גיב איך, ווי פון הימל אראפפאלנדיק אין דער בית־הקברות שטילקייט, א יינגלשן געשריי, „ס'איז דאך דער ראכער פעטער"!

דער פעטער יעקב מאיר איז געווען דעם טאטנס עלצטער ברודער פון איין טאטן, דער בכור פון ר' שלמה דיין פון זיין ערשטער פרוי. ווען ר' שלמה דיין האט אהיימגעברענגט דאס יינגע, קלוגע ווייבל, אסתרל, מיט אירע צווי ראדאשיצער יתומים, איז ער די ערשטע נאכט באלד פון הויז פארשוואונדן. ערשט לאנג נאכן זיידנס פטירה איז ער צוריקגעקומען שוין א חתונה־געהאטער, א באווייבטער מיט קינדער, פירנדיק א רייך־אסימילירטע היים, פארנעמענדיק א גרויס הויז אויפן ראג ערשטע אלעע, ווי דער גענעראל־דירעקטאר פון „דער פעטערבורגער פארזיכערונג־געזעלשאפט אין פוילן".

— ניין, חלילה וחס, — ענטפערט דער טאטע, — ער איז נישט געשטארבן. דאס איז זיין משפחה־קבר. ער וויל דא ליגן לאחר מאה ועשרים שנה, וואו זיין ווייב איז געקומען צו קבורה. זעסט, דאס איז דער מומעס קבר! — האקט ער שארף אפ. ער וויל נישט איך זאל ווייטער פרעגן און ארויס מיט טשעלאדזשער תמעוואטע שאלות וועגן דעם „ראַכן פעטער", וועגן וועלכן איך ווייס שוין אזוי אויך צופיל . . . מכוח דער „בארמהערציקער שוועסטער", וואס איז שוין געבליבן מיט אים זינט זי איז געקומען, ברענגענדיק זיין אין גסיסה שוין ליגנדיק ווייב אין אן עקסטרע וואגאן פון א ברעסלויער שפיטאל, ווייל זי, די מומע, האט געוואלט שטארבן אין דער היים, נישט אונטער א צלם, באבלעקעצט פון בארמהארציקע שוועסטערן . . .

דעם טאטן געפעלט נישט מיין פארגאפן זיך! . . . און ער ציט מיך ביים ארבל ווייטער צו גיין, און הייבט מיך אן צו פאראינטערעסירן מיט זיין מיר באליבט קול א מעשה צו דערציילן:

— ס'איז היינט גראד זעקס און דרייסיק יאר, ערב תשעה באב, נאך צוועלף אזייגער, גראד היינט אין דער זעלבער שעה כמעט. דער טאטע קומט אהיים פון „קקאזאצקער שטיבל" און טרעפט מיך שפילן אין „פאלאנט". (ער וואלט אַן אַנדערשמאָל, געמאכט א „הלצה", א גמרא־בחור.) איך בין דעמאלט אלט געווען

פונקט אזוי ווי דו איצט, קוים זיבן יאר. אבער ס׳איז דאך ערב תשעה באב נאך צוועלף אזייגער. (איך וויל אים איבעררייסן: — זעסט, דו האסט אויך געשפילט פאלאנט, און מיך לאזטו נישט — נאר איך האלט מיך איין.) נעמט ער מיך אן ביי דער האנט און קוקט מיך אן מיט א טרויעריק־שטומען מוסר־בליק. אין שטוב נעמט ער ארויס דעם שולחן־ערוך „אור החיים“ און לערנט מיט מיר די דינים פון אבלות אין ערב תשעה באב, ווי אן אבל, רחמנא לצלן, וואס מוז זיצן שבעה, מוז זיך נוהג זיין אין ערב תשעה באב.

די מאמע, שטייענדיק ביים אויוון, הערט זיך שטיל צו וואס ער לערנט מיט מיר און קומט אריין: „וואס ווילסטו פון קינד מיט אזעלכע זאכן . . . וואס פארדרייסטו אים דעם קאפ! לאז אים ארויס זיך שפילן מיט די קינדער. זאגן מיר, ווען דו לערנסט כאטש מיט אים די מעשיות פון „מדרש־איכה“ . . .

דער טאטע האט געמוזט אן ערב־תשעה־באבדיקן שמייכל טון פון זיין מלומדת און אויך מיך א טשעפע טון וואס איך כאפ מיך תמיד צו צו דער מאמעס יידישע ספרים, דעם „לב טוב“, דעם „קב הישר“; „די מעשיות ווייסט ער שוין פון דיין „טייטש־חומש“ אויף אויסנווייניק . . . ער איז מיר א צו וואזשנער בקי אין דיינע ווייבערישע ספרים . . .“

די מאמע האט אויפגעגעבן די ברייטע ניין־טעג לאקשן אן קעז, נישט באשמאלצן מיט פוטער, אפילו, ווייל ס׳איז דאך ערב תשעה באב. — דער טיש איז צומאל נישט געווען באדעקט מיט א טישטוך!

נאכן עסן איז דער טאטע געבליבן זיצן איבערן „אור החיים“ אליין, און איך בין ארויס צו די חברים אויפן הויף, וואו זיי האבן זיך דאס דערפריידט מיט מיר, ווייל איך האב געקענט גוט „אנקלאפן“; און דאס שפיל האט זיך ווידער אויפגעפלאקערט אין דער גליאיקער זון — דער שווייס האט זיך פון אונז געגאסן!

און אין מיטן שפילן, אין הייסן ברען, ווערט פלוצלונג א געוואלד פון אונ־זער שטוב ארויס. אלע איילן שנעל צו צו די פענסטער, איך לויף אריין: דער טאטע האט זיצנדיק איבערן „אור החיים“, איבער סימן „דיני אבלות בערב תשעה באב“ געקריגן אן אפאפלעקציע . . .

מען איז שוין נישט געלאפן נאכן דאקטאר, אפילו נישט נאך משה פעל־דשער, צומאל קיין פעדער צו דער נאז נישט צוגעלייגט.

— די חברה־קדישא איז געקומען!

גאנץ טשענסטאכאוו איז געווען דעם ערב תשעה באב אויפן בית־החיים, און דירעקט פון דער לוויה איז מען גלייך געגאנגען צו איכה . . .

דער טאטע קוקט מיך אן מיט א מין טרויער און אויך גלייכצייטיק, בהעלם אחת, מיט א מין נחתדיקייט אין בליק, און רעדט צו מיר ווי צו זיינסגלייכן, ווי ער אליין גאר וואלט עס געווען דער זיבן־יאריקער, וואס שטייט דא קייגנ־איבער אים:

— וואס זאגסטו דערצו? ער אליין, מיין טאטע, זכר צדיק לברכה, זכותו יגן עלינו, האט נאך מיט מיר געלערנט די דינים, אז איך זאל מיך וויסן ווי נוהג צו זיין דעם היינטיקן טאג.



דער טאטע האט געשוויגן, אזא רחבותדיקע שטילקייט איז געווען אויס־געגאסן אויפן בית־החיים, מ׳האט קיין נפש נישט מער געזען. נאך א ווײַלע האט דער טאטע אויפגעהויבן דעם קאפ צום הימל צו זען צי ס׳איז שוין צייט צו גיין אין „קאזאצקער שטיבל“ אריין צו „איכה“. אזא מנוחת־הנפש איז געווען אויסגעגאסן אויף זיין ערנסט פנים. און מיר איז אויך געווען א מין נחתדיקער טרויער, א ווארעמע ליבלעכקייט האט שטיל געטריפט אין מיין הארץ . . . אז נאך איצט זע איך נישט נאר דעם טשענסטאכאווער בית־הקברות מיט איינגעפאלענע מצבות אין טיפן גראז צווישן קזשאקעס און ביימער פראכ־טיק אין הייסער זון, וואס קוקן ארויס מיט שווארצע „פה נטמן“ — אותיות פון גרוי־גריזן שימל און גרינעם מאך מיט אזא טרויעריקער נחתדיקייט, נאר איך זע אויך דעם טשענסטאכאווער זיידנס הויף — וואס איך האב קיינמאל נישט געזען — א ליגנדיקן אין הייסער גליענדיקער זון, א פראכנדיקן, א טרויעריק־נחתדיקן.

(שלוס פון קאַפּיטל קומענדיקן חודש)

## די באלאדע פונם „שך מיט מגן אברהם“

(צו דער 300׳סטער יאַרצייט פונם „ש״ך“)

דער ש״ך זיך געראַטעוועט קיין קאליש,
איז וואהינזשע געזאַלט האָט ער גיין,
צום רב פון שטאָט, צום מרא־דאתרא,
איז ער אין שול־געסל געבליבן שטיין —

פון א פענסטער ארויס א קול־תורה,
אז דאס האַרץ פון זיסקייט אזש קאָן צעגיין,
און די טיפע פשטות, די הסברה,
מסתם וווינט דאָ דער רב, איז ער אַריין:

אַרום א טיש גאָר שאָקלען זיך ייִנגלעך,
אויבן אן זיצט דער מלמד אַליין,
ווי א מלאך־אלוקים, זיין פנים
א שטיקל רמ״א, ר׳האַלט אין מסביר זיין —

דו ברייטע באָרד צעפלאָשעט, צעפלויגן,
אט אין דער האַנט, דעם שפיץ צווישן די ציין,
פון די אויגן די שפריצנדיקע פרייד:
יאָ, האָבן אויפגענומען, זיי פאַרשטיין — —

דער רחבותדיקער נחת אין דער באָרד
איז דער ש״ך אין דער טיר געבליבן שטיין:
א שטיקל „אורח־חיים“ צו לערנען,
ביז דא אַהער געמוזט קומען צוגיין.

„ווי גרויס אַ מענטש קאָן זיין — די עניוות,
נישט צו וויסן צומאָל, אז מ׳האַלט זיך קליין — — —

ניסט צו שטערן תלמיד תורה דרבים,
אזוי שטיל אַרויס ווי שטיל ר'איז אריין.

2

כאָדאָראָם גייט די שטאָט: דער ש"ך איז דא!
פון ווילנא דער שר־התורה אליין!
דער קבלת פנים ביים רב אין הויז!!
נו, קומט דאָס מלמדל אויך צו גיין:

לאָמיך אויכעט זען א תלמיד חכם
זוכה זיין קוקן אין פנים אַריין — —
דער שאַרפער בליק פונם ש"ך דערקענט אים,
דאָרטן הינטן, הנעם לעצטן ר'זעט אים שטיין:

ווו כבוד התורה, דרך ארץ,
פאַר זיך אַליין מ'מוז דאך יוצא זיין — —
און מיטן גאַנצן ראָזמאך ווי אַ ש"ך קען,
איבער דער גאַנצער שטוב גענומען גיין.

א ווארע ווערט געמאַכט, א געקוק,
וואָס אזוינס איז געשען, וואס גייט דאָ זיין?
און צום מלמד דער ש"ך איילט צו,
אין זיינע אָרעמס ער נעמט אים אַריין:

„אויב איר האָט פאַרשטאַנען יענעם רמ"א,
וועט איר דעם דאָזיקן ש"ך אויך פאַרשטיין...
און ער צעלאַכט זיך מיט שמחת מצווה:
„בפירוש, על פי דין טאָרט איר דאָ נישט שטיין".

ארויפגעפירט אים, געזעצט נעבן זיך:
„א בעכער פאר א גאון! כבוד, ווין" — —

— — — — — — — — — — — — — — —

ווייסט איר ווער דאָס מלמדל געווען?
ס'איז געווען דער „מגן אברהם" אליין.

## „ווער ס'קומט צו מיר דער קומט צו מיר" (ר' שמעון סופר)

(פאַר מיין פלימעניק, נחום שטענצעל, שלח־מנות)

ס'האָט דער קראָקעווער רב געוואַרט,
לעמבערגער זאָל צו אים קומען,
גאָטעניו, מיט וואָסער כבוד,
דעם גאַסט ער וואָלט אויפגענומען.

מילא, דאס ביסעלע כבוד,
עס וועט שוין נישט ווערן זויער,

בלויז די שאַנד פאר דער רביצין,
פול טרויער ר'זעצט זיך צום זוהר.

עפנט זיך די טיר, ס'קומט אַריין,
טאַקע זי אַליין, ד' רביצין,
און נישט פון איר מויל, פון איר בויך,
ס'וואָלט געטון אַרויסגרעבעצן:



„קראָקער רב, ליב אייך אייער גאַסט,
אפנים, גלאָזט אייך שוויצן..."
און ער הייבט פון זוהר אַרויס,
נישט אַ פאר אויגן — צוויי בליצן:

לימים קראָקעווער רב דווקא,
קיין לעמבערג געמוזט גאָר פאָרן.
„איך פאָר מיט!" איז די רביצין,
ארויס מיט איר ירגזון־צאָרן.

דער גוידער, די רויטע קרעלן —
א פאַווע זיך אויפגעבלאָזן:
„א באַזוך ביים רב אָנשטאַטן,
ניין, איך וועל עס נישט צולאָזן —

„אז מען לאַכט אין לעמבערג, ווײנט מען
אין קראָקע!" האָט זי געשריגן.

„ווער ס'קומט צו מיר, דער קומט צו
און צוריק פאַרטיפט אין זוהר — —
זייט יענער נאַכט קראָקעווער רב,
ווי בן עזריה א גרייז גרויער.

2

איז וואָס נעבעך קראָקעווער רב
געקענט טון? זיך נעמען קריגן?

שיקן נאכן סופר־סת"ם און
מיטן ווייב זיינעם זיך גטען?
איז ער דאָך דער קראָקעווער רב,
איין וואָרט און אַלץ טוט פאַרגלעטן.

נאָך גוט וואָס חוץ די רביצין
דעם זוהר אויך מיטגענומען,
האָט ער זיך געזעצט איבער אים,
אַ טורקל טויב געטון ברומען.

## „וגם חרבונא זכר לטוב"

שלח מנות יעווטושעקנא'ן

מילא, אויב נישט רעליגיע, אויב נישט שבת,
וואס ברויך מען אין סאַוויעטלאַנד אַ שבת־גוי?
האָט זיך ערשט גענויטיקט א יעווטושענקא,
אויסצושרייען הויך אונזער „באבי־יאָר"־אוי?

צי וואָלט נישט מינדסטער יידישער דיכטער דאָרט
אַ סך טיפער דעם בראָך באַקלאָגט און באַוויינט?
וויפיל אַ פריינט, — מעג ער זיין דער עכטסטער רוס, —
פילט מיט — אָבער דער געשלאָגענער אַליינט...

מיר געפעלן אויך נישט זיינע מאַסקעלעך,
אָט דערשיינט ער אַזוי און אט גאר אזוי;
ער האָצקעט צו שטארק ארום, ווי נא־פריקאז!
און אָט מיט קונדייסקן לאָק — א טעדי־בוי.

אָבער דער עיקר, בעריא־ל־סאָסייאיטיס
זיינען נישט נאָר בלויז פאַר אונז יידן געווען, — —
פאַקן נאך, חלילה, מיט פורים־רב־שמוקל —
ער ווערט עפעס צו פיל אין אויסלאַנד געזען.

משה בעקערמאן

# המנס מפלה

אין א קליין שטעטל ביי בריסק האט געוואוינט אן אלמנה, מיט צוויי קינדער: א יינגל פון א יאר צוועלף און א מיידעלע פון א יאר זיבן. זי די אלמנה האט מען גערופן גיטל, און אלט איז זי געווען אן ערך פערציק. מפרנס געווען איר פאמיליע האט זי פון די גראשעדיקע פארדינסטן אין מארק.

אזוי צוגעוואוינט צו דחקות איז שוין די פאמיליע געווען, אז מען האט זיך, חלילה, קיינמאל נישט באקלאגט פאר קיינעם און די אלמנה האט שטענדיק געהאט א שמייכל אויף איר אויסגעדארט פנים.

טאקע נישט אין „כרפס חור ותכלת", נאר די קינדער זענען תמיד געווען ציכטיק אנגעטון אין מלבושים, וואס די מאמע האט איבערגענייט פון איינגעהאנדלטע אלטווארג אדער פון וואס זי האט באקומען בחינם ביי פארמעגלעכע בעלי־ביתסטעס. אזוי ווי זי איז געווען א גוטע פון דער נאטור און רעליגיעז געשטימט, האט זי קיינמאל קיין טענות נישט געהאט, נישט צו גאט און נישט צו לייטן.

ביי איר אין אויפגערוימטן, ציכטיקן אלקער האט מען קיינמאל קיין הויך ווארט נישט געהערט. עס האט דארטן געהערשט מער שלום אין אטדעם ארימען אלקער ווי אין אסך פארמעגלעכערע וואוינונגען, וואו דאס אכילה־פראבלעם הופט אפטמאל ארויס א צאנקעריי . . . אזעלכעס האט דא נישט עקזיסטירט. מען האט אלץ אנגענומען פאר ליב.

אמאל אין אן אסיען־טאג, בשעת די אלמנה האט זיך ארומגעדרייט אין מארק, זוכנדיק וואו א גראשן צו פארדינען, שטעלט זי אפ שפרינצע די מעקלערין, וועלכע איז אויך געווען א שדכנטע, און גיט איר א פרעג,

— גיטל, האסט שוין געהערט די נייעס ?

— וואס פאר א נייעס ? — ענטפערט גיטל מיט א פראגע אויף א פראגע.

— האסט גארנישט געהערט וועגן דעם בריסקער ייד, וואס שטייט דא איין אין הער אכסניה ? — פרעגט ווייטער שפרינצע די מעקלערין, און זי ווארט נישט אויף קיין ענטפער. — ווייסט אויך נישט פארוואס ער האלט זיך דא אויף שוין א גאנצע וואך ? לאמיך דיר זאגן. ער איז, אפגעהיט זאל מען ווערן, אן אלמן, וואס זוכט טאקע א לייטישן שידוך פאר זיך. אמת, נישט קיין יונגערמאנטשיק, אבער ער איז שוין אויסגעפארן א וועלט. אזש פון אמעריקע איז ער צוריקגעקומען אהער, נישט מאכנדיק קיין סוד פון די שווערע הונדערטער רובל, וואס ער האט מיטגעברענגט פון דארטן . . . זיך צעקריגט מיט זיין זון אין אמעריקע, זאגט ער. נו, איצט אויף דער עלטער וויל ער זיך באזעצן אויף אן ארט און לעבן רואיק, געמיטלעך.

גיטל די אלמנה האקט איר איבער די רייד, און זאגט,

— גלויבט מיר, שפרינצע, אז איך האב גענוג מיינע אייגענע דאגות. וועמען גייט עס אן וואס א בריסקער ייד זוכט ארום ? וואס עפעס האט ער פארבלאנדזשעט צו אונז אין שטעטל אריין ? וואס, אין בריסק איז אזא יקרות אויף ווייבער ?

— אבער, גיטלשי, — כאפט איר שפרינצע די מעקלערין אן ביים ארעם, וואס רעדסטו ? זינט דער ייד האט דיך נעכטן געזעען האנדלען אין מארק, הערט ער דאך גארנישט אויף צו רעדן וועגן דיר ! עס איז ביי אים, זאגט ער, א פראסטע רעכענונג: מיט זיין געלט און דיין קענטעניש וועסטו דאך זיך נישט דארפן ארומשלעפן אין מארק אין אלע דרויסענעס. א געוועלב וויל ער דיר עפענען. וואס טויג אים, זאגט ער, דאס געלט און דארפן לעבן נע־ונד ? און לאמיר זיך נישט נארן, גיטל, ווילאנג איז דער שיעור זיך צו מוטשען און נישט וויסן פונוואנען דאס שטיקל ברויט וועט קומען ? דיינע קינדער, נעבעך, וועלן דיר נישט דארפן קוקן אין די הענט אריין יעדן אוונט אויף א ביסן ברויט אדער, חלילה, זיך דארפן לייגן שלאפן הונגעריקע. פאלג מיך, און שפאר דיך נישט איין, נאר גיי און רעד זיך דורך מיטן ייד. איך בין זיכער, אז דו וועסט מיך אייביק נישט פארגעסן.

דער ייד פון בריסק האט נישט לאנג געלאזט ווארטן ביז מען וועט אנטדעקן זיין גראבן כאראקטער. באלד נאך דער חתונה מיט גיטלען דער אלמנה האט זיך אויסגעלאזט א בוידעם פון זיין צוזאג צו פארלייכטערן דאס געמיט פון דער ארימער פאמיליע. פאר די פאר גראשנס, וואס ער האט ארויסגעגראבלט פון זיין שמוציק בייטעלע אלס צושטייער אויף פרנסה, האט אים גיטל געדארפט אפגעבן דין־וחשבון . . . און אז ער האט אהיימגעברענגט א פריש ברויטל, האט זיך קיינער נישט געטארט צורירן דערצו. ווי אויף צו להכעיס פלעגט ער זיך אין אזעלכע פאלן אוועקשטעלן לעבן די ארימע קינדער, רייסן לעבעדיקע שטיקער און שלינגען דאס ברויט בשעת ס׳איז נאך געווען פריש און שמעקעדיק.

עס איז ביי אים געווען אזא מין טעגלעכע באשעפטיקונג איבערצוציילן די צעקוועטשטע הונדערטער רובל אין שמוציקן טארבעלע אדער סתם ליגן אויף זיי ווי א צעפאדלעטער הונט אויף א פעטן ביין. עקאנאמיש איז די לאגע פון דער פאמיליע לגמרי ערגער געווארן. וואס ער האט געגעבן האט אפילו נישט געקלעקט אויף זיין אייגן עסן, און פון דעם שטילן, ציכטיקן אלקער ארויס האבן זיך גענומען לאזן הערן קולות, געשרייען און קללות !

ס׳האט נישט לאנג געדויערט און דער בעכער איז פול געווארן פאר גיטלען מיט אירע קינדער. זיי האבן מער נישט געקענט פארטראגן די פארסמטע אטמאספערע, וואס האט זיך געשאפן, און מען האט גענומען זוכן אן אופן וויאזוי זיך צו באפרייען פון דער אומדערטרעגלעכער לאגע.

גיטלען איז קלאר געווארן, אז זי מוז געפינען א וועג וויאזוי צו צעטרענצלען דעם אלטנס הונדערטער . . . הכלל, געטריבן פון איר נויט און בושה פאר לייטן, האט זי זיך איינמאל פאר אלעמאל אנגענומען מיט מוט און געזאגט,

— אדער מיר פארן אלע קיין ווארשע און פון דארט קיין אמעריקע אדער דו נעמסט דיר דיינע שמאטעס מיטן געלט און גייסט דיר אהין פונוואנען דו ביסט געקומען !

ווילנדיק־נישט ווילנדיק, דער אלטער האט אראפגעשלונגען די ביטערע פיל . . .

ביים „שווארצער" אין שטוב א׳ז ער פטור געווארן פון זיינע הונדערטער,

און אזוי האט ער שוין פארלוירן די מאכט, אויף וועלכע שוואכלינגען שטיצן זיך. אביסל דאלארן אבער איז אים פארבליבן, און אויך די דאזיקע „פעסטונג“ האט אים געמוזט חרוב ווערן. מען האט געמוזט צווינגען דעם אפגעשוואכטן שונא צו פולשטענדיקער קאפיטולאציע!

זייענדיק אין דייטשלאנד אויפן וועג קיין אמעריקע, האבן גיטלס קינדער גענומען מאכן אן אטאקע אויף דער דאלאר־פעסטונג זיינער. דורך פארשידענע אויסריידן האבן זיי ביי אים צעשלעפט די דאלארן, מכלומרשט אויף אפצאלונגען אין ביוראס אדער סתם אזוי ארויסגעשלעפט זיי אים פון זיינע כאלאטן־קעשענעס בשעת ער איז אזוי געגאנגען איבער די גאסן אין ברעמען, צעכראסטעט און פאריאמערט, פאכנדיק מיט די הענט . . . צווישן גיטלס קינדער און דעם ייד פון בריסק האט זיך אנטוויקלט א א פארביטערטער קאמף ביזן לעצטן דאלאר . . .

דער לעצטער „צוריק־טריט“ פאר דעם פארשוין, ארויפקומענדיק אויף דער שיף, איז געווען א זאק סוכארעס, וואס ער האט מיטגענומען „זיך צו דערכאפן דאס הארץ“. טאג און נאכט איז ער געלעגן אויפן דאזיקן זאק, נישט צולאזנדיק קיינעם צו אים. ביינאכט פלעגט מען אים הערן בורטשען; דאס האט ער זיך, אזוי צו זאגן, אויסגערעדט זיין ביטער הארץ פאר די סוכארעט, און זיי אויס מיטלייד האבן, נעבעך, געקרעכצט און זיך צעקרישלט אונטער אים.

די קינדער האבן געדולדיק געווארט אויסצופירן דאס שפיצל, וואס זיי האבן געפלאנעוועט, אן „אטנטאט“ אויפן זאק סוכארעס. בלילה ההוא נדדה שנת המלך, אינמיטן דער נאכט איז דעם אלטן נישט גוט געווארן, און גיטל ער איז צען מינוט שפעטער צוריק אראפגעקראכן אין דער קאיוטע אריין, איז האט אים ארויפגענומען אויפן דעק, כדי צו כאפן אביסל פרישע לופט. און ווען שוין געווען נאך אלעמען . . .

ווען די קינדער האבן ארויפגעטראגן דעם זאק סוכארעס אויף דער אנדערער זייט דעק, האט זיך דער זאק פלוצלינג ארויסגעגליטשט פון זייערע הענט, ווי רוחות וואלטן אים געריסן און — פליאך! — א כוואליע האט אים געגעבן א כאפ ארום און פארטראגן אין די טיפענישן פון אטלאנטישן ים.

קיין אמעריקע האט מען די פאמיליע נישט אריינגעלאזט, אבער פאר גיטלען מיט די קינדער איז דאס פשוט געווען א לופט־רייזע.

צוריקגעקומען קיין ווארשע, האט ערשט דער ייד פון בריסק געכאפט די אמתע המנס מפלה! גיטל האט אים פשוט ארויסגעווארפן פון שטוב און אים נאכגעווארפן זיינע שמאטעס דורכן פענסטער. מ'האט אים בלויז צוגעפעלט זרשס שעפל אויפן קאפ . . . און ביי גיטל דער אלמנה איז געווארן ששון ושמחה ויקר.

---

## יידיש ליטערארישע שבת-נאכמיטאגס

**אין בערנער סטר. 33, בערנארד באראן סעטלמענט א.1. — 3 אזייגער**

שבת, דעם 9'טן מערץ — א פורים־פראגראם: שלום עליכם, משה נאדיר, דער טונקלער. יעקב ריכטיגער: איבער מגילת־אסתר.

שבת, דעם 16'טן — בעלא וויינער—„20 יאר ווארשעווער געטא־אויפשטאנד“.

שבת, דעם 23'סטן — א רעפעראט פון מאריס מינדעל.



# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 4 (העפט 378) — פיר און צוואנציקסטן יאר — אפריל 1963 לאנדאן

**רעדאקטירט פון א. נ. שטענצל**

א י נ ה א ל ט :

צום 20'סטן זכרון יאר, צום 19'סטן אפריל, ווארשעווער געטא אויפשטאנד, דאס עם הספר, פסח־באלאדע 1963 ..... ** 1

די נסים פון יציאת מצרים (עסיי) ..... י. ריכטיגער 6

דער הערצל וואלד (ליד) ..... חיים וואלדמאן 9

די שפייזער (נאוועלע) ..... אברהם סילקעס 10

לזכרון פון א קינד ..... ח. נ. בענקוויטש 13

בעלזען, (ליד) ..... אנהטאני ראלינגס 15

מיין מאמע (פאעמע) ..... יוסף לעפטוויטש 16

עס וועט קומען א צייט, פרילינג (לידער) ..... עלע זילבערג 17

נאטיצן פון א לייענער: אין איין כאר, א ליטערארישע פארשטעלונג ..... מ. אלמאן 18

א דאך איבערן בנין פון יידיש (עסיי) ..... געניע סילקעס 19

אין נאכטלעכע שעהן (ליד) ..... שמואל וההייט 21

מיינע לידער (ליד) ..... יוסף הלל לעווי 22

גזע און ירושה (פראזע) (שלוס פון קאפיטל) ..... א. נ. שטענצל 22

זלמן שניאורס אויגן, כתר תורה (צוויי מיניאטורן) ..... ש. טענענבוים 33

יידיש־ליטערארישע שבת נאכמיטאגס

**פרייז 2 שילינג**

**אבאנאמענט־פרייז :—26 שילינג פאר א יאר**

**אין אויסלאנד :—8 דאלאר א יאר**

אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע :—

"LOSHN UN LEBN," 17 DELAMARE BUILDINGS,
COLLINGWOOD STREET, LONDON, E.1. ENGLAND

*Published and Edited by* A. N. STENCL, *17 Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Sreet, London, E.1*